Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 15 גראשען (טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 9-טע זייט) היינט 10 זייטען

# לאדזשער פאלקסבלאט

№ 69 | Łódź, Czwartek, 21 marca 1935 r. | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, ט"ז אדר ב' תרצ"ה | № 69

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

# אנגענומען דעם „אריער-פאראגראף”

## דורך דער פלענאר-זיצונג פון לאדזער שטאט-ראט

### די ענדעקעס האבען אויף אנ׳אונערהערטען אופן נישט דערלאזען צום ווארט די יודישע ראטמענער

## דער פארשלאג וועגען בעזייטיגען די יודישע בעאמטע האט קאמיסאר

## וואיעוואודזקי נישט געוואלט שטעלען צו דער אפשטימונג

די נעכטיגע זיצונג פון שטאט-ראט האט זיך אנגעהויבען אין א רוהיגער אטמאספער. די ענדעקעס האבען מאביליזירט זייערע אלע מיטגלידער און זיי האבען געבראכט צו דער זיצונג אפילו אזעלכע ראטמענער, וועלכע זענען געלעגען קראנק אין די בעטען, צוליב וואס

### די מאביליזאציע

איז געווען אזא שטארקע, האט קיינער נישט געוואוסט.

באלד אין אנהויב ווערט אנגענומען אהן דיסקוסיע דער פארשלאג וועגען נעמען פאלגענדע הלוואות אין ארבייטס-פאנד 115 טויזענד זל. אויף קאנאליזאציע, 884 טויזענד זל. אויף וואסער-לייטונג, 150 טויזענד זל. אויף בויען דעם וועג לאדז—לאגעווניק און 750 טויזענד זל. אויף רעגולירען די טייכן וארוב לאדז.

דאן רעפערירט ראטמאן פאדגורסקי דעם רעגולאמין פון דער

### רעווידיר-קאמיסיע

וועלכע דארף געוועהלט ווערען דורכ׳ן שטאט-ראט. די ענדעקעס ווילען זעהט אויס, פארסירען זייערע מענשען אין דער דאזיגער קאמיסיע ווייל עס איז די איינציגע קאמיסיע ביים שטאט-ראט, וואו זיי האבען בעשטימט א בעלוינונג פאר די מיטגלידער פון דער קאמיסיע.

דאן ווערט אנגענומען דער רעגולאמין פון דער שטאטישער קאמיסיע פאר געזעלשאפטליכער שוץ.

אלע אויסבעסערונגען פון דער אפאזיציע צו דעם דאזיגען רעגולאמין ווערען אפגעווארפען.

דאן ווערט אויך אהן דיסקוסיע אנגענומען דער סטאטוט וועגען שטייער פון פארשטעלונגען און עפענטליכע פערוויילונגען.

ס׳ווערט דאן רעפערירט דער רעגולאמין פאר קליינע מארק-פלעצער, וועלכע געפינען זיך אין לאדז און דאס אין סאניטארען זין, ווי אויך מכוח די אפצאהלען פון די מארק-שטייער.

דער רעגולאמין ווערט אנגענומען אהן דיסקוסיע.

מ׳טרעט צו צו דער פראגע וועגען ענדערונגען אין סטאטוט פון דער לאדזער פרעמיע פאר ליטעראטור, פלאסטישע קונסט און וויסענשאפט. ס׳רעפערירט דער ענדעקישער ראטמאן פאדגורסקי. ווי בעקאנט האבען די ענדעקעס אין דעם סטאטוט אריינגעשטעלט א פונקט, אז די פרעמיע זאל נישט קענען בעקומען קיין קינסטלער פון נישט-קריסטליכער אפשטאמונג, אדער בעסער געזאגט, זיי האבען די ערשטע אין פוילען אריינגעפיהרט אין דעמדאזיגען סטאטוט דעם

### „אריער-פאראגראף”

דער רעפערענט לעגט טאקע אויך פאר דעם פלענום איינצופיהרען דעם דאזיגען פונקט, נישט בעגרינדענדיג פארוואס דער פונקט דארף אנגענומען ווערען.

ס׳נעמט א ווארט קאמיסאר וואיעוואודזקי, וועלכער זאגט: לאדז איז נישט קיין בעזונדער ארגאניזם אין מלוכה-לעבען און אונזער שטאט קאן זיך נישט מאכען קיין געזעצען פאר זיך,

### אין פוילען פערפליכטעט נאך ביז היינט די קאנסטיטוציע

פון 17 מערץ. דארט ווערט געזאגט, אז מ׳קען נישט מאכען קיין אונטערשיד אין ראסע און נאציאנאליטעט, דעריבער האלט איך, אלס פארשטעהער פון דער שטאט-פערוואלטונג, אז דער שטאט-ראט האט נישט קיין רעכט אנצונעמען אזעלכע פארשלאגען. איך וויל דא נישט אפנעמען דאס רעכט ביי די ראטמענער זיך ארויסצוזאגען וועגען דעם ענין, אבער איך לאז מיר דאס רעכט שפעטער אנצונעמען א שטעלונג אין דער גאנצער פראגע.

צו דער דיסקוסיע האבען זיך תיכף פערשריבען כמעט אלע יודישע און סאציאליסטישע ראטמענער.

דאס ערשטע ווארט אין דער דיסקוסיע בעקומט אדוו. דאבראניצקי (פעראייניגונג פון די יודישע פראקציעס). ער זאגט: ביים אפשאצען ווער ס׳דארף בעקומען די פרעמיע פון דער שטאט לאדז פאר ליטעראטור, פלאסטישע קונסט און וויסענשאפט, שפילט א ראל נאר די ווערט פון ווערק, וועלכער דער קינסטלער אדער וויסענשאפטלער האט געשאפען און

### נישט דאס צי ער האט געהאט א יודישע באבע

דא קאן מען נישט אנהויבען צו זוכען צי זיין זיידע האט זיך אמאל פערגעסען מיט א יודיש מיידעל פערקעהרט. אויב מ׳וועט דארפען אקעגנשטעלען די גרויסע פוילישע היסטאריקער אשקענאזי און האנדעלסמאן מיט עפעס קרעטינען וועט מען די פרעמיע מוזען געבען די פראפעסארען מיט יודישע באבעס און נישט די קרעטינען מיט ארישע באבעס. דער פארשלאג איז אנ׳אבסורד און איז געגען די מעשים פון וואטיקאן, וועלכער דארף פאר די ענדעקעס זיין א מוסטער. דער יודישער פראפעסאר טאובענשלאג פון קראקאווער אוניווערזיטעט איז בעשטימט געווארען אלס מיטגליד פון אינסטיטוט פאר רוימישער רעכט ביי דער קארדינאל-קאמיסיע. דער ביבליאטעקאר אין וואטיקאן איז א יוד.

שוין 800 יאהר, זאגט דער רעדנער, זענען יודען דא, באלעסלאוו פאבאזשני האט געגעבען יודען רעכט און קאזשימיעזש וויעלקי האט די רעכט אויסגעבריט. מ׳דארף קענען די אייגענע געשיכטע, מען דארף זיך דערמאנען אן

### בערעק יאסעלעוויטש, וואהל און הרב מייזעלס.

וועלכע האבען געקעמפט און געפאלען פאר פוילען. ס׳איז נישטא מיט וואס דעם פארשלאג צו מאטיווירען א חוץ מיט נארישער ביזוויליגקייט.

ראטמ. האלענדערסקי (פ. צ.) זאגט: מיר זעהען ווי אזוי די ענדעקעס פיהרען דורך זייער פראגראם. אויף דער פריהערדיגער זיצונג האבען זיי געגעבען א מתנה די הויז-בעזיצער 75 טויזענד זל. פון שטאטישע געלדער און מיט׳ן היינטיגען פארשלאג דעמאנסטרירען זיי זייער געזעלשאפטליך - פאליטישען פראגראם. דאס איז נישט ניי, זיי געהען

### אויף היטלערס מוסטער

איהר ווילט אבער איהם איבערליציטירען, ביי היטלער׳ן איז דער אריער-פאראגראף חל ביז׳ן 4-טען דור, די לאדזער ענדעקעס ווילען ביז׳ן 5-טען דור.

דעפ. מינצבערג שרייט אויס פון ארט: דאס איז קאנקורענץ.

ס׳איז נישט כדאי, זאגט דער ראטמ. האלענדערסקו צו פאלעמיזירען מיט די דאזיגע אבסורדען. ביים אפשאצען א ווערק איז וויכטיג דאס ווערק אליין און דעריבער קען די פרעמיע געגעבען ווערען יעדען איינציגען, וועלכער ארבייט אויפ׳ן געביט פון פוילען אהן אונטערשיד צו וועלכער נאציאנאליטעט ער געהער און אין וועלכער שפראך דאס ווערק איז געשריבען.

ראטמ. נוטקעוויטש (בונד) זאגט: וויפיל מאל מען הערט רעדען די ענדעקעס אין לאדזער שטאט-ראט, דערמאנט מען זיך אן די ווערטער פון אויגוסט בעבעל:

### „אנטיסעמיטיזם איז דער סאציאליזם פון נאראנים”.

דער אנטיסעמיטיזם האט פאר די ענדעקעס נישט נאר א נאציאנאליסטען - אונטערשלאג, נאר א סאציאלען. אונטער׳ן מאנטעל פון אנטיסעמיטיזם ווילען די ענדעקעס פיהרען א פיינדליכע פאליטיק געגען די ארבייטער. ס׳איז פולשטענדיגע דעמאגאגיע ווען נאך 2 יאהר פון היטלערס הערשאפט, קומט מען מיט אזא פארשלאג. היטלער האט ערקלערט די ארבייטער-מאסען, אז ווען מ׳וועט פטור ווערען פון די יודען, וועט זיי ווערען בעסער. לסוף איז זיי געווארען ערגער, אויך דא וועט זיין דאס זעלבע ביי אנ׳ענדעקישער ממשלה. דער ציל איז אפצווענדען די אויפמערקזאמקייט פון די מאסען וועגען זייערע נויטען אויף דעם יודען.

אין דעם מאמענט טראגט איינער פון די ענדעקעס אריין א פארשלאג וועגען איבעררייסען די דיסקוסיע.

### איז זאל ווערט א שטורם

אדוו. רייכמאן שרייט: איהר זענט פחדנים, איהר האט מורא צו הערען דעם אמת.

אדוו. ווייצמאן זאגט זיך ארויס געגען דעם פארשלאג. ער זאגט, אז דאס אנווענדען דעם אריער-פאראגראף אין לאדז איז געווארען א שם-דבר נישט נאר אין פוילען נאר אין דער גאנצער וועלט, אומעטום שרייבט מען וועגען דעם. האבען די ענדעקעס דעם פארשלאג שוין געשטעלט, דארפען זיי ציהען די קאנסעקווענצען דערפון, אויסהערען געגען-ארגומענטען.

ס׳איז אבער ווי אנ׳ארבעס אין וואנד. די ענדעקישע מעהרהייט בעשליסען איבערצורייסען די דיסקוסיע.

### די יודישע ראטמענער פערלאזען דעמאנסטראטיוו דעם זאל

ס׳בעקומט דאס לעצטע ווארט אין דער פראגע דער ענדעקישער רעפערענט פאדגורסקי. ער בעגרינדעט די נויטיגקייט פון איינפיהרען דעם „אריער-פאראגראף”.

— אויף א מערקווירדיגען אופן, זאגט דער ענדעק, איז איינער פון די ביז-איצטיגע לאורעאטען געווען יוליאן טובים, וועלכער האט אויפ׳ן געוויסען דאס ליד „צום פשוט׳ען מענשען”, אין דעם דאזיגען ליד איז ער ארויסגעטרעטען נישט נאר געגען מלחמה

**ראטמ. מילמאן שרייט: „נידער מיט מלחמות”.**

**— נישט נאר געגען מלחמות — זאגט פאדגורסקי — נאר האט אויך בעליידיגט דארט דאס גאנצע פוילישע פאלק. אזוי קען נאר א שרייבער וואס שרייבט אמת אויף פויליש, אבער פיהלט נישט אויף פויליש.**

**אין דעם מאמענט קומען די יודישע ראטמענער צוריק אריין אין זאל.**

**— פראפ. אשקענאזי און פראפ. האנדעלסמאן, זאגט ווייטער פאדגורסקי, קענען זיין ערשט-קלאסיגע היסטאריקער, אבער**

### מיר פאלאקען ווילען נישט, אז יודען זאלען אונז אויפקלעהרען.

**ווייל אין אלעם וואס זיי שרייבען זענען זיי טענדענציעז, באלעסלאוו פאבאזשני און קאזשימיעזש וויעלקי האבען טאקע געטון פעהלערן ווען זיי האבען געגעבען יודען רעכט אין פוילען, יודען זענען נאך געווען אין פוילען אין ניינטען און אין צעהנטען יאהרהונדערט און שוין דאמאלס האבען זיי זיך פערנומען מיט דעם נישט-בכבודיגען פאך פון האנדלען מיט קנעכט.**

**ראטמ. ווייצמאן שרייט: וואס פאר א אומגעהייערע נארישקייטען האב ווערען גערעדט...**

**אין פוילען — זאגט דער ענדעקישער חכם ווייטער איז טאקע צו ענג און ס׳איז נישט קיין וואונדער וואס די פוילישע ארבייטער ווילען פטור ווערען פון די וועלכע פערנעהמען זייער ארט. מיר מוזען דעריבער דא אהער קומען מיט אזעלכע שארפע פארשלאגען, אויב דער קאמיסאר וואיעוואודזקי וועט אונזער פארשלאג נישט אפשטימען אדער ער וועט איהם געפינען פאר נישט רעכטליך, וועלען מיר אונזער ציל אויך דערגרייכען, מיר רעדען דא ווירקליך נישט נאר צום שטאט-ראט נאר צו גאנץ פוילען.**

**ראטמ. אדוו. רייכמאן לעגט פאר, אז דער פארשלאג פון די ענדעקעס זאל נישט געשטעלט ווערען צו דער אפשטימונג, ווייל ער איז אין סתירה צו דער קאנסטיטוציע.**

**ד"ר קרויש טראגט אריין א סארקאסטישען פארשלאג, אז דער אריער-פאראגראף זאל נישט חל זיין אויף די שרייבער**

### אירענא פאניענקאווא, סטראנסקי און רעדאקטאר פון א. ב. צ. - פיאסעצקי

**וועלכע שטאמען פון יודען.**

**דער קאמיסאר וואיעוואודזקי טרעט צו צו אפשטימונג און דער „אריער-פאראגראף” אין דעם פרעמיען-סטאטוט ווערט מיט די שטימען פון די ענדעקעס און דעם דייטש קאהלערט אנגענומען.**

**דעפ. מינצבערג גיט אפ אין נאמען פון דער פעראייניגונג פון די יודישע פראקציעס פאלגענדע ערקלערונג: האלטענדיג, אז דער אנגענומענער פונקט איז געגען רעכט און געזעץ, וועלכעס זעהט נישט פאר קיין אונטערשיד פאר בירגער פון פערשידענע נאציאנאליטעטען, דריקען מיר אויס אונזער שארפסטען פראטעסט און בעטען אריינצושרייבען דעם פראטעסט אין פראטאקאל.**

**ראטמ. וואלטשינסקי (בעבע) זאגט, זייט 17 יאהר ארבייט איך אין לאדזער שטאט-ראט און נאך קיינמאל האט מען**

### אויף אזא מוראדיגען אופן נישט גיליאטינירט די דעבאטען

ווי ס׳טוען דאס די ענדעקעס, נישט האבענדיג די געלעגנהייט ארויסצוזאגען די שטעלונג פון מיין פראקציע אין דער דערמאנטער פראגע, ערקלער איך, אונזער פראקציע שטעהט אויפ׳ן שטאנדפונקט, אז דאס העצען די בעפעלקערונג אויפ׳ן סאציאלען אדער נאציאנאלען געביט, דערנידריגט דעם קולטורעלען ניוואו פון פאלק, פערניכטעט אפטמאל זיינע ווירטשאפטליכע און געזעלשאפטליכע פאזיציעס, האלטענדיג, אז דער ענדעקישער פארשלאג איז טאקע אזעלכער, דערצו איז ער אין סתירה צו דער קאנס-

(ווייטער זעה 3-טע זייט)

נאך קורצע און שווערע ליידען איז געשטארבען אין עלטער פון 65 יאהר
אונזער ליבע און נישט-פערגעסענע
נ"ע אסתר עגנעל
אשת ר' יצחק נ"י
בת ר' יצחק ז"ל
פערקאל
די לוי' קומט פאר היינט, דאנערשטאג, ט"ז אדר ב', 3 א זייגער נאכמ.
פון טהרה-הויז, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער
מאן, זיהן, טאכטער, שנור, איידעם.
איינינקלעך און פאמיליע.
648

# פויליש־דייטשער טראקטאט

## אויף דער נעכטיגער פלענאר־זיצונג פון סיים

ווארשא, 20 (טעלעפאניש)

אויף דער היינטיגער פלענאר־זיצונג פון סיים זענען איז דער ערשטער רייה ארומגערעדט געווארען די פראיעקטען פון ראטיפיקאציע־געזעצען פון פער־שידענע אינטערנאציאנאלע קאנווענצען.

אזוי זענען אין דער ערשטער רייה אהן דיס־קוסיע, אנגענומען געווארען די געזעצען וועגען ראַ־טיפיצירען דעם פריינדשאפטס־טראקטאט צווישען פוילען און אביסיניען און דאס געזעץ וועגען דעם קוילען־הסכם מיט שפאניע און א צוגאב־אפמאך צו דער פויליש־שווייצארישער האנדעלס־קאנווענץ.

ווייטער האט דער סיים אנגענומען דאס געזעץ וועגען ראטיפיצירען דעם פויליש־דייטשען טאריף־פראטאקאל, און דערנאך האט זיך אנטוויקעלט א דיסקוסיע איבער׳ן געזעץ־פראיעקט וועגען קאטיפי־צירען דעם פויליש־דייטשען געזעץ־פראיעקט וועגען געגענזייטיגען סחורות־אויסטויש.

דעם דאזיגען געזעץ האט רעפערירט דער דעפ. יעשקע.

דעפ. ביערזשיאלקאווסקי (פ.פ.ס.) איז ארויס־געטרעטען געגען דעם אפמאך, ארומרעדענדיג די לעצטע דייטשע פעראָרדנונג וועגען אלגעמיינעם מיליטער־דינסט, און אונטערשטרייכענדיג דערביי די ערנסטקייט פון דער סיטואציע, וואס איז צוליב איהר געשאפען געווארען.

דעפ. סטאניסלאוו סטאנסקי (ענדעק) איז אויך ארויסגעטרעטען געגען דעם דאזיגען געזעץ, אנ־ווייזענדיג הערויף, אז דער אפמאך וועגען סחורות־אויסטויש צווישען פוילען און דייטשלאנד האט בלויז פאליטישע צוועקען און נישט קיין ווירטשאפטליכע.

אויפ׳ן פארשלאג פון דעפ. רימאר האט דער מארשאלעק פארארדענט א נאמענטליכע אפשטימונג.

נאך דער מיטאג־הפסקה איז אנגענומען גע־ווארען א רייה ווייטערדיגע געזעץ־פראיעקטען וועגען שטייערען.

אין דער צווייטער און דריטער לעזונג איז אנ־גענומען געווארען דער קרוינס־צוגאב צום מלוכה־שען הכנסה־שטייער.

דערנאך איז אויך אנגענומען געווארען דער געזעץ־פראיעקט וועגען בעפרייען פון אחריות פאר שטייער־פערברעכענס.

קומענדיגע סיים־זיצונג — דאנערשטאג, 4 ביי טאג.

# אראבער פרובען ארויסרופען

## געריכטס־שטרייטען ארום דער חולה־פראגע

ירושלים (יט"א) ווי עס טיילט מיט דער „דואר היום", פרובען געוויסע אראבישע קרייזען ווידער ארויסרופען א טומעל ארום דער חולה־קאנ־צעסיע, וואס איז איבער אין רשות פון דער „חברת הכשרת חישוב". אזוי ווי די אמאליגע סיריש־אראַ־בישע אייגענטימער פון דער קאנצעסיע האבען זיי־נער צייט געשלאסען פערשידענע טראנזאקציעס, טרעטען איצט ארויס א רייה פערזאנען מיט ענט־שפרעכענדע תביעות. ביז איצט זענען וועגען דעם ענין פערפיהרט געווארען אין ביירוט און ארץ ישראל 3 פראצעסען. איינער פון די פראצעסען איז פער־פיהרט דירעקט געגען דער „חברת הכשרת הישוב" און שטיצט זיך אויף דער טענה, אז דאס איבערנע־מען די קאנצעסיע איז געוועזען נישט־געזעצליך.

די דערמאנטע פראצעסען האבען ארויסגערופען א פערשטענדליכען אינטערעס אין סיריען און ארץ־ישראל. די פארשטעהער פון דער „חברת הכשרת הישוב" בעטאנען, אז עס קאן קיין רייד נישט זיין וועגען דער מעגליכקייט צו בעדראהען די רעכט פון דער ניי־ערווארבענער קאנצעסיע, וועלכע איז ארי־בער אין יודישע הענד אין פולען הסכם מיט׳ן געזעץ.

# פראגע וועגען איבערפיהרען הערצל׳ס ביינער קיין א"י

## אויף דער סעסיע פון ציוניסטישען אקציאנס־קאמיטעט

ווארשע (יט"א) אויף דער טאג־ארדנונג פון דער נעכסטער א. ק.־סעסיע, וואס הויבט זיך אן דעם 27־טען ד. ח. אין ירושלים, געפינט זיך די פראגע וועגען איבערפיהרען ד"ר הערצל׳ס ביינער קיין א"י. דער 18־טער ציוניסטישער קאנגרעס האט געהאט בעשלאסען, אז דאס איבערפיהרען די ביי־נער פון שעפער פון פאליטישען ציוניזם קיין א"י דארף דורכגעפיהרט ווערען אין משך פון יאהר 1934. שפעטעסטענס ביז פסח 1935. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האט בעשלאסען איבערצוגעבען דעם ענין דעם א. ק., וועלכער דארף מאכען די ענדגיל־טיגע אראנזשירונג וועגען דער צייט און ארט, וואו הערצל׳ס ביינער זאלען קומען צו זייער איביגער רוה. עס קומען אין בעטראכט, חוץ ירושלים, אויך חיפה, אלס די שטאדט, וועלכע הערצל האט פאר־אויסגעזאגט א גרויסע צוקונפט און וועלכע איז געווען די שטאט פון זיינע טרוימען אין „אלטניי־לאנד."

ד"ר מיכאל ריגנער פאהרט קיין ירושלים, כדי אלס פארזיצער פון דער קאנגרעס־קאמיסיע פאר דער פראגע פון איבערפיהרען הערצל׳ס ביינער קיין א"י, ביייצוואוינען די זיצונג פון אקציאנס־קאמי־טעט, אויף וועלכער די דאזיגע פראגע וועט בע־האנדעלט ווערען.

# סעסיע פון גרויסען ראט פון פרייסישען קהלות־פערבאנד

## „די ווירדע קען מען אונז נישט צורויבען"

בערלין (יט"א) דא איז פארגעקומען א סעסיע פון גרויסען ראט פון פרייסישען קהלות־פערבאנד, אין וועלכען עס האבען זיך בעטייליגט פארשטעהער פון יודישע קהלות און אלדענבורג, טהירינגען און סאארלאנד, וועלכע זענען לעצטענס צוגעטרעטען צום פרייסישען קהלות־פערבאנד. ראַ־בינער ד"ר גאלינער האט רעפערירט וועגען דער שאפונג פון ביידע בעצירקס־ראבינאטען און לעהרער־אויסבילדונגס־קורסען. ד"ר קלעע האט רעפערירט וועגען דער לאגע פון קליינע קהלות און וועגען שטייער־פראגען.

דער בודזשעט־פרעלימינאר אויף דעם יאהר 1935|36 איז בעשטימט געווארען אין דער הויך פון 365,000 מארק, דערפון אויף קולטור־ארבייט — 123,000 מארק. אין דער דיסקוסיע איז בעטאנט געווארען, אז צאהלמעסיג איז דאס דייטשע יודענ־טום געפאלען ביז דעם מצב פון יאהר 1890. דאס מוז פיהרען צו דער רעארגאניזירונג פון פיל צווייגען פון קהלה־לעבען.

די בייטראגען פון די קהלות פאר דעם לאנד־פערבאנד זענען בעשטימט געווארען אין דער הויך 1,25 פראצ. פון הכנסה־שטייער און 3 פראצ. פון פערמעגענס־שטייער, א חוץ דעם א קאפ־שטייער אין דער הויך פון 2 רייכסמארק.

אין זיין שלוס־ווארט האט דער וויצע־פארזיצער פון ראט ד"ר קלעע בעטאנט די וויכטיגקייט פון דער קהלה אלס צענטער פון יודישער ארבייט.

אין צוזאמענהאנג מיט דער סעסיע פון גרויסען ראט פון פרייסישען קהלות־פערבאנד איז אין דער סינאגאגע אויף דער פאזאנען־שטראַ־סע פארגעקומען אן אקאדעמיע מיט׳ן אנטייל פון א פאר־טויזענד־קעפיגען עולם. דער פרעזידענט פון קהלות־פערבאנד לעא וואלף האט רעפערירט וועגען דער טעטיגקייט פון פערבאנד, בעזונדערס לטובת די קליינע קהלות. נאך די רעדעס פון ראבינער ד"ר עשעלבאכער און ראבינער ד"ר ראטשילד (סאאר בריקען) האט גענומען דאס ווארט ד"ר אלפרעד קלעע, וועלכער האט רעפערירט וועגען די וויכטיגע אויפגאבען פון די קהלות אין איצטיגען מאמענט און האט ערקלערט צוו. אגד.:

„א צייט געטא רינגעלט אונז ארום נאר דאן, ווען מיר האבען א געטא־געזינוג. די יודישע נשמה קען מען אונז נישט צונעהמען. די ווירדע קען מען ביי אונז נישט צורויבען. א שקלאף איז נאר דער, ווער עס בויגט זיך אינערליך פאר דעם געטא־געדאנק".

# דייטשע יודען ווערען פערשטויסען פון דער עפענטליכקייט

## ווי אזוי מען ווערט אין דייטשלאנד בעשטראפט פאר פערדונגען א זאל אויף א יודישע קולטור פעראנשטאלטונג

בערלין (יט"א) דער קרייז־לייטער אין וואו־פעטאל האט — ווי עס טיילט מיט דער „בערלינער טאגעבלאט" — פערבאטען אייגנצוארדנע וועלכע עס איז פעראנשטאלטונגען אין דער שטאט־האלע ו.אופערטאל־עלבערפעלד.

דער פערבאט איז ארויסגעגעבען געווארען צוליב דעם, וואס דער אונטערנעהמער, וועלכער האלט אין פאכט די שטאט־האלע, האט אין דעם זעלבען זאל, וואו אין גרויסען זאל איז פארגע־קומען א פעראנשטאלטונג פאר ווינטער־הילף, פער־דינגען א קליין־זאל אויף א פארשטעלונג פון יודי־שען קולטור־בונד.

די דאזיגע האנדלונג האט דער קרייז־לייטער בעצייכענט אלס „געשמאקלאזיגקייט און אונפער־שעהמטהייט".

# פרעמדען־געזעצגעבונג פאר יודען אין דייטשלאנד

בערלין (יט"א) אויף א פערזאמלונג פון „נאַ־ציאנאל - סאציאליסטישען דייטשען יוריסטען־בונד" אין טיבינגען האט דער אוניווערזיטעטס־פראפעסאר ד"ר אייסלער (טיבינגען) געהאלטען א פארטראג וועגען דער אנווענדונג פון ראסען־געדאנק אין בירגער־ליכען רעכט. פראפ. אייסלער האט אויסגעפיהרט צוו. אנד.:

דאס רעכט האט די אויפגאבע צו שיצען דעם ארישען פאלקס־גענאסע פון פרעמד־ראסיגער צומי־שונג און צו שיצען דאס פערהאנענע גע׳ירשנ׳טע גייסט־פערמעגען. אמת, אין דייטשלאנד איז נישטא קיין איינהייטליכע ראסע, נאר גאנצע פינף, וואס יע־דע פון זיי איז פון הויכען ווערט. אין אלגעמיין וועט אבער דאס צוקונפטיגע רעכט זיך שטיצען אויף ראסען־יסודות. פאר מלוכה־אנגעהעריגע פון נישט־ארישער אפשטאמונג דארף געשאפען ווערען א פרעמדען־געזעצגעבונג. עס מוז אויך געלעזט ווערען די פראגע פון די ראסען־מישלינגען. ערשט ווען די ראסען־געזעצגעבונג וועט זיין דורכגעפיהרט אין אלע איינצעלהייטען, וועט קומען די צייט אויפצונעמען דעם ראסען־געדאנק אין אלגעמיינעם טייל פון בירגערליכען רעכט.

# צוזאמענשטויס צווישען צוויי לאסט־אויטאס

## ביידע אויטאס זענען צעשמעטערט געווארען

(א) אויפ׳ן שאסיי צווישען קאלא און דאמביע, האבען זיך צוזאמענגעשטויסען צוויי לאסט־אויטאס. ביידע אויטאס (איינער פון לאדז) זענען צושמע־טערט געווארען. די שאפערס זענען פערוואונדעט גע־ווארען.

# פון דער לאדזער בערזע

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| באנק פאלסקי | — | — | — | 90.00 |
| 3 פראצענטיגע | בודאוולאנע | | — | 46.50 |
| 4 „ | דאלארובקא | | — | 53.50 |
| 7 „ | סטאביליזאציע | (אמ.) | | 72.26 |
| 5 „ | ווארשאווער פ.ב. | 1934 | | 61.00 |
| 5 „ | לאדזער | „ | | 53.50 |
| ענגלישער פונט | — | — | — | 25.38 |
| דאלאר אפיצ. | 5.31 | נישט אפיצ. | — | 5.25 |
| גאלד־דאלאר | — | — | — | 8.87 |
| גאלד־רובל | — | — | — | 4.55 |
| דייטשער מארק | — | — | — | 1.98 |

# ראדיא־פראגראם

## דאנערשטאג, דעם 21־טן מערץ

6,36 גימנאסטיק, 6,50 פליטען, 7,15 ידיעות, 7,25 פליטען, 8 אודיציע פאר שולען, 11,57 צייט־סיגנאל, 12,03 ידיעות, 12,05 פרעסע 12,10 אודיציע פאר שולען, 12,30 שול־פריה מארגען, 1 שמועס פאר פרויען, 1,05 ידיעות, 1,10 טארטז. פון שול־פריהמארגען. 1,50 ווירט־שאפטליכע ידיעות, 1,55 בערזע, 2 פליטען, 3,45 קאנצערט, 4.30 שמועס אין דער פראנצויזישער שפראך, 4,45 פרעסע, 5 רעפארטאזש פון טויב־שטימען־אינסטיטוט, 5,15 קאנצערט, 5,35 פליטען, 5,50 ראטגעבער פאר ספארטלער, 6 איטאליענישע לידער, 6,15 ליטעראַרישע סקיצע. 6,30 לאדזער פאסט קעסטעל, 6,45 פליטען, 7,15 פליטען, 7,25 לאקאלע ספארט ידיעות, 7,30 אלגעמיינע ספארט ידיעות, 7,50 אקטועלע שמועסען, 8 מוזיקאלישע אודיציע, 8,45 ידיעות, 9 הערשפיל, 9,30 סימפ. קאנצערט, 10 רעקלאמע־קאנצערט, 10,15 מוזיק, 11 ידיעות, קאמוניקאטען.

# אקציע פון דער גפז. „צעקאבע"

## צו פערשפרייטען די פלאנטאציע פון הוילקרייטעכטער

ווארשע, (יט"א) די גפז. „צעקאבע" בעמיהט זיך, ווי בעוואוסט, צו פערשפרייטען פערשידענע בעבען־בעשעפטיגונגען צווישען דער פעראָרימטער יודישער בעפעלקערונג. פאראיאהרען איז געפיהרט געווארען אן אקציע צו פערשפרייטען די צוכט פון אנגארא־קרוליקעס. איצט איז אנגעהויבען געווארען אן אקציע צו פאפולאריזירען דאס פלאנצען הייל־קרייטעכצער צווישען די יודישע גערטנער פון פוי־לען. די דאזיגע קרייטעכצער פלעגען ביז איצט ארייגעפיהרט ווערען פון אויסלאנד. לעצטענס זע־נען געמאכט געווארען געלונגענע פרובען צו פלאנ־צען הייל־קרייטעכצער, די דאזיגע פרובען ווערען שטארק געשטיצט דורך דער פוילישער בעזעלשאפט. וועלכע האט געשאפען א ספעציעלען קאמיטעט פאר הייל־קרייטעכצער (קאמיטעט זיעלארסקי) און דורך דער מלוכה.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז ארויסגעשיקט געווארען צו אלע ג"ח־קאסעס א צירקולאר, וועגען רעגיסטרירען די ענטשפרעכענדע קאנדידאטען צווי־שען די יודישע גערטנער און לאנדווירטען. אלע, וואס האבען אן אינטערעס פאר דעם ענין, ווערען געבעטען צו פערשטענדיגען זיך מיט דער בעראַ־טונגס־שטעלע פאר געבען בעשעפטיגונגען ביי דער גפז. „צעקאבע".

Dr. med. P. Braun
פון פאריז צוריקגעקעהרט
ספעציאליסט פאר הויט. און וועגערישע קראנקהייטען
נעהמט אן פון 8 ביז 1 און פון 4 ביז 8 אווענד.
Cegelniana 4, tel. 216-90.

שיי־טלען
מיט פאריזער שרינדען
ווי אויך פערטיגע שייטלען ווערע ערשטקלאסיג און רעיעל אויסגעארבייט צו ביליגע פרייזען
ביי קערש, סטווראווא 15

פאר גאלד, בריליאנטען
ביזשוטעריע
און לאמבארד־קוויטעם
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען
6. שערפיעז 37 (בענעדיקטא)
נעהמט אן פון 5–7 נאכם.

Dr. med.
Haltrecht
ספעציאל־ארצט פאר הויט־און געשלעכטס קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעמט אן פון 8–11 פריה און פון 1[30]–2[30] מיטאג און פון 5–9 אוו. זונטאג פון 10–1 ביטאג
צלע ארט אנאליזען.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזן
פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע־זאל

די 1־טע און ביליגסטע קוועלע פון
רעשטעז
אויף פאלטענס און אנציגער
פון די בעסטע ביליצער און טאמאשא־ווער סחורות, די מאדערנסטע מוסטערן, אין א גרויסען אויסוואהל. בעקומט מען נאר ביי
R. Szczęśliwy
לאדז, 5 נאוואמיעסקא 5
טעל. 156-09
נערענקט. פראנט 2 שטאק.

קמח של פסח
תחת השגחת הרבינאט דפה לאדז!
די איינציגע מיהל אויף לאדז איז ג ע׳כ ש ר׳ט אונטער דער שטרענגער אויפזיכט פון היגען ראבינאט. אונזערע ג׳ קונדען וועלען זיך ווידער איבערצייגען, אז דאס שענסטע און בעסטע זעקעל מעהל אויף מצות בעקומט מען נאר ביי דער פירמע
„עלעקטראמליך"
לאדז, זאקאנטנא 47, טעל. 147-40
וועלכע איז פעראנטווארטליך פאר די רעיעלע און פינקטליכע ליפערונג לויט יעדענס פערלאנג. פערקויפט אייך נישט אויף די פראווינצער מודעות, וואס פאר דעם גראשען ביליגער ביים איינקויף דערלעגט איהר מעהר ביי דעם מצות־פערקויף, נאר ומט שוין און בעשטעלט פערזענליך אדער דורך טעל. 147-40.
בעמערקונג: די ליפערונג פאר דער פראווינץ קומען מיר נאך די פערלאנגען פון קויפער. מיט אכטונג
Firma „Elektromłyn"
Łódź, Zakątna 47, tel. 147-40.

# די אינטערנאַציאָנאַלע סיטואַציע

## פראַנצויזישע פּראָטעסט-נאָטע צו דייטשלאַנד. — ווענדונג צו דער פעלקער-ליגע. — קאָנסולטאַציע פון פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליען

פּאַריז, 20 (ספּ. טעל.)

די היינטיגע זיצונג פון מיניסטאָרען־ראַט אונ־טער׳ן פאָרזיץ פון פּרעזידענט לעברען, איז כמעט איינגאַנצן געווען געווידמעט דעם אַרומהאַנדל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע.

דער פּרעמיער פלאַנדען און דער מיני. לאַוואַל האָבן פאָרגעשטעלט די לאַגע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דעם לעצטן בעשלוס פון דייטשלאַנד וועגן אַלגעמיינעם מיליטער־דינסט.

נאָך דער דיסקוסיע, האָט דער מיניסטאָרען־ראַט איינשטימיג בעשלאָסן:

1) אַרויסשיקן אַ פּראָטעסט־נאָטע קיין דייטש־לאַנד וועגן עובר זיין אויף די מיליטער־קלויזלען פונ׳ם ווערסיילער טראַקטאַט,

2) ווענדן זיך צו דער פעלקער־ליגע מיט דער פאָדערונג תיכף צונויפצורופן דעם ראַט פון דער פעלקער־ליגע, וואָס זאָל זיין געווידמעט דעם ענין, און 3) האָט דער מיניסטאָרען־ראַט אַפּראָבירט די שריט, וואָס די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אָנגענומען, בכדי צונויפצורופן אַ קאָנסולטאַציע־קאָנ־פערענץ פון די דריי גרויסמאַכטן: פראַנקרייך, ענגלאַנד און איטאַליען.

דער טעקסט פון דער נאָטע איז ענדגילטיג בעשטעטיגט געוואָרן און היינט בייטאָג איז זי איי־בערגעגעבן געוואָרן דורך דעם אַמבאַסאַדאָר פראַנ־סואַ פּאָנסע אויף ווילהעלם־שטראַסע.

לויט ווי מ׳פּעזיכערט אין די פּאָליטישע קרייזן, איז די פראַנצויזישע נאָטע געהאַלטן אין אַ קור־טואַזיען טאָן.

לסוף פון דער זיצונג האָט דער מיניסטאָרען־ראַט בעשלאָסן צו בעפולמעכטיגן דעם מיניסטער לאַוואַל אויסצונוצן די איינלאַדונג פון דער סאָ־וועטישער רעגירונג און צו פאָהרען קיין מאָסקווע, בכדי דורכצופיהרען אַ מיינונגס־אויסטויש מיט דער סאָוועטישער רעגירונג.

פּאַריז, 20 (ספּ. טעל.)

די האַוואַס־אַגענטור איז מודיע: די דעבאַטן אין סענאַט האָבן זיך פאַרענדיגט. מיט׳ן אָננעהמען מיט 263 שטימען געגן 2 דעם פאָרשלאַג פון סענ. דע־זשובענעל, אין וועלכען עס ווערט אויסגעדריקט צוטרוי פאַר דער רעגירונג, וואָס פיהרט אַ פּאָליטיק, וועלכע שטרעבט צום פעראַפּעסטיגן די זיכערקייט פון לאַנד און דעם אַלגעמיינעם שלום.

לאָנדאָן, 20 (ספּ. טעל.)

ענטפערנדיג אויף אַן אינטערפּעלאַציע אין פּאַר־לאַמענט, האָט סער דזשאָן סיימאָן דערקלערט, אַז זיין נסיעה קיין בערלין וועט טראָגן אַן אויסשליס־ליך אינפאָרמאַטיווען כאַראַקטער.

בערלין, 20 (ספּ. טעל.)

די ערשטע אינפאָרמאַציעס וועגן די כוונות פון דער פראַנצויזישער רעגירונג צו אַפּעלירען וועגן די דייטשע בעוואָפנונגען אין דער פעלקער־ליגע, האָבן אין דער דייטשער פּרעסע אַרויסגערופן אַ סך בע־וואָרענישען.

אַזוי למשל, שרייבט דער „בערזען־קוריער" צ. אַ.: „זאָל פּאַריז זיך נישט איינרעדען, אַז דייטש־לאַנד וועט זיך דערשרעקן פאַר דראָהענדע ווערטער און תנועות".

לאָנדאָן, 20 (ספּ. טעל.)

די רייטער־אַגענטור איז מודיע: דער מיניסטער עדען וועט אויף אַן אַעראָפּלאַן שבת אינדערפריה אַרויספליהען קיין פּאַריז און נאָך דער בעראַטונג מיט לאַוואַל׳ן און סוביטש׳ן וועט ער מיט דער באַהן אַוועק קיין בערלין, וואו ער וועט אָנקומען גלייכ־צייטיג מיט סיימאָנ׳ען.

די צווייטע מיניסטאָרען־בעראַטונג פון די גרויס־מאַכטן וועט וואַרשיינליך פאָרקומען אין סטרעסאַ.

לאָנדאָן, 20 (ספּ. טעל.)

אין שייכות מיט׳ן בעשלוס פונם בריטישען קאַ־בינעט צו אַרויסשיקן שבת דעם מי־ניסטער עדען קיין פּאַריז אויף צו קאָנסולטירען מיט לאַוואַל׳ן און סוביטש׳ן, פערזיכערט מען אין מאָס געבענדע קרייזען, אַז נאָך די געשפּרעכען אין בער־לין, מאָסקווע און וואַרשע — מעהר־ווייניגער איגמי טען חודש אַפּריל — ווערט פאָראויסגעזעהן אַ צווייטע קאָנפערענץ, וואַרשיינליך אין צפון־איטאַליען, בכדי צו דערמעגליכען מוסאָליני׳ען אין איהר אָנטייל צו נעמען.

אין דער דאָזיגער קאָנפערענץ זאָל זיך אויך בע־טייליגען דער פּרעמיער מאַקדאָנאַלד.

רוים, 20 (ספּ. טעל.)

וועגען דער פראַנצויזישער נאָטע צו דייטשלאַנד און וועגען איבערוייזען דעם ענין אין דער פעלקער־ליגע וועט די איטאַליענישע רעגירונג מאָרגען פער־עפענטליכען איהר שטעלונג.

אין די פּאָליטישע קרייזען האַלט מען, דאָס די איטאַליענישע רעגירונג זעהט נישט איין קיין שום סיבות אַקעגענשטעלען זיך דער כוונה פון אַריינ־טראָגען די פראַגע פון די דייטשע בעוואָפנונגען אין דער פעלקער־ליגע.

רוים, 20 (ספּ. טעל.)

דער וויצע־אויסערן־מיניסטער סוביטש פאָהרט פרייטאָג אַרויס קיין פּאַריז, כדי אָנטייל צו נעמען אין דער קאָנפערענץ פון די דריי גרויס־מאַכטען, וואָס איז בעשטימט געוואָרען אויף שבת דעם 23 ד. ח.

לאָנדאָן, 20 (ספּ. טעל.)

די רייטער־אַגענטור איז מודיע פון וואַשינגטאָן: דער פּרעזידענט רוזוועלט האָט זיך אָפּגעזאָגט צו ענטפערן אויף דער פראַגע, צי אַמעריקאַ וועט אַרויס שיקען אַ נאָטע צו דייטשלאַנד וועגען פערגוואַלטיגען דעם ווערסיילער טראַקטאַט.

אויף אַ פּרעסע - קאָנפערענץ האָט רוזוועלט אויס געדריקט די האָפנונג, אַז דער אַמעריקאַנער פּרינ־ציפּ צו דערהאַלטען גוטע שכנ׳ישע בעציהונגען וועט זיך אויסשפּרייטען אויף אייראָפּאַ, אַלס יסוד פאַר אַ בשלום׳דיגער ליקווידאַציע פון די אייראָפּעאישע קאָמפּליקאַציעס.

לאָנדאָן, 20 (ספּ. טעל.)

דער אַמבאַסאַדאָר ראַטשינסקי האָט היינט ביי־טאָג בעזוכט דעם מיניסטער עדען און אָפּגעהאַלטען מיט איהם אַ לענגערן געשפּרעך וועגן פעסטשטעלען די פּרטים פון עדענ׳ס בעזוך אין וואַרשע.

דער מיניסטער עדען וועט קומען קיין וואַרשע מאָנטאָג דעם 1 אַפּריל און בלייבען דאָרט 2 טעג.

לאָנדאָן, 20 (ספּ. טעל.)

ווי עס ווייזט זיך איצט אַרויס, האָט פאָן ריבענ־טראָפּ געהאַט אָפּגעפלויגען קיין לאָנדאָן, אָבער פון מיטען וועג האָט איהם היטלער צוריקגערופען־דורך אַ ראַדיאָ־דעפּעשע, און איז צוריק אַוועקגעפלויגען קיין מינכען.

אין די היגע פּאָליטישע קרייזען איז מען זיך משער, אַז ריבענטראָפּ איז אַרויסגעשיקט געוואָרען דורכ׳ן קאַנצלער היטלער, בכדי פאַרצושלאָגען סיי־מאָנ׳ען די גרייטקייט פון דייטשלאַנד תיכף צוריק אַריינצוטרעטען אין דער פעלקער־ליגע, אָבער ווען היטלער האָט זיך דערוואוסט וועגן פראַנקרייכ׳ס לעצטע בעשלוסען האָט ער זיין שליח צוריקגערו־פען פון מיטען וועג.

### מאַרשאַל פּילסודסקי צוריק־געקומען קיין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 20 (טעלעפאָניש)

דער מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי איז היינט בייטאָג צוריקגעקומען קיין וואַרשאַ.

### אַלע יודען ווערען בעזייטיגט פון דער דייטשע אַרמעע

לאָנדאָן, 20 (יט"א טעלעגראַפיש)

דורך ציריך טיילט מען מיט פון בערלין, אַז אין דער דייטשער אַרמעע ווערט נישט איבערגע־לאָזט קיין איין יוד.

### אָנגענומען דעם „אַריער־פּאַראַגראַף"

(ענדע פון דער ו׳טער זייט)

טיטוציע, האָט אונזער פראַקציע געשטימט געגען דעם דאָזיגען פונקט.

ראַטמאַן ביאַלער (ציוניסטישע פראַקציע) ער־קלערט: די ציוניסטישע פראַקציע פּראָטעסטירט ווי אַמענערגישסטען געגען דעם גיליאָטינירען די דעבאַ־טען. ער בעט דעם פּראָטעסט אַריינצוטראָגען אין פּראָטאָקאָל.

ראַטמ. וואַלטשטיין (ה. פ. ס.) פּראָטעסטירט ד״ כּל געגען דעם גיליאָטינירען די דעבאַטען און דאַן זאָגט ער: די ענדעקעס מיינען, אַז זיי האָבען גענו־מען דעם מאָנאָפּאָל אויף חכמה. דאָס אָננעמען אַזאַ פונקט אין פּרעמיען־סטאַטוט וועט טרעפען די פּוי־לישע און דוקא קריסטליכע קינסטלער, וועלכע איהר האָט בעליידיגט אָנוויזענדיג, אַז זיי קענען נישט ביישטעהן דער יודישער קאָנקורענץ אין דער קונסט און אין דער וויסענשאַפט.

נאָכדעם ווי ס׳ווערען ערלעדיגט אַ גאַנצע רייה קליינע אָנפראַגען און אינטערפּעלאַציעס, טרעט מען צו צו בעטראַכטען דעם ענדעקישען פּאָרשלאָג.

#### וועגן בעזייטיגען אַלע יודישע בעאַמטע פון מאַגיסטראַט

דער פּאָרשלאָג לויטעט: היות ווי יעדעס פּאָלק האָט דאָס רעכט צו רעגירען אַזוי ווי עס פערשטעהט, אין נעמענדיג אין אַכט, אַז די יודישע מאָראַל האָט קיין שום שייכות נישט מיט דער קריסטליכער און קיין יודישע בעאַמטע קענען נישט דיספּאָנירען מיט קיין פּאָלאַקען, פּאָדערן מיר אויף דעם קאָמיסאַר וואָיעוואָדזקי זאָל תיכף קינדיגען אַלע יודישע בע־אַמטע אין דער שטאָט־פערוואַלטונג.

קאָמיסאַר וואָיעוואָדזקי נעמט אַ וואָרט און זאָגט: דאָ האַנדעלט זיך וועגן אַנ׳ענין מיט אַ גאַנץ ברייטען פּערנעם, דאָ האַנדעלט זיך שוין נישט וועגען עפּעס סובסידיעס, נאָר אין פּאָסטענס, וועלכע ווערען פערנומען דורך מענשען. איך האָב שוין איינמאָל געזאָגט, אַז לאָדז קען זיך נישט מאַכען קיין בעזונדערע געזעצען. דער פּאָרשלאָג איז אין בולט׳ע סתירה צו דער קאָנסטיטוציע, וועלכע לאָזט נישט אין דעם ענין קיין שום צווייפעל. פון דער צווייטער זייט געהער דער ענין פון אָננעמען און בעזייטיגען בעאַמטע נאָר צום פּרעזידענט און דער־ווייל איז דאָס דאָך מיינס אַ זאַך און נישט אַנ׳ענין פון פּאָרשלאָגען.

איך וויל זיך אָבער אויף אַ מינוט, זאָגט דער קאָמיסאַר, אָפּשטעלען אויפ׳ן

#### אַנטיסעמיטישען שטאַנדפּונקט

וואָס שייך דאָקטוירים איז דאָס נישט אַזאַ לייכ־טע זאַך, מ׳קען נישט געפינען קיין גוטע פּוילישע דאָקטוירים, איך רעד נישט וועגען די יונגע פון אַ יאָהר אָדער צוויי יאָהר פּראַקטיק. וואָס שייך ווידער אַנדערע בעאַמטע, איז אין דער לאָדזער שטאָט־פער־וואַלטונג פאַרהאַן 4 פּראָצענט יודען, וועלכע פער־דינען צוזאַמען 10.720 זלאָטעס אַ חודש, דאָס זענען לרוב סטאַביליזירטע בעאַמטע, ווען מ׳זאָל זיי קינ־דיגען וועט די עמעריטור און קינדיגונג פאַר זיי בע־טרעפען 7.500 זל. אַ חודש און אַ חוץ דעם וועט מען נאָך מוזען צונעמען אַנדערע בעאַמטע פאַר 10 טויזענד זל. אַ חודש, דאָס וועט פאַר דער שטאָט זיין צו קאָסטבאַר.

דאָס איז דער חשבון ווען איך זאָל זיך שטעלען אויפ׳ן אַנטיסעמיטישען שטאַנדפּונקט. איך ערקלער אָבער, אַז איך וועל דעם פּאָרשלאָג בכלל נישט שטע־לען צום אָפּשטימונג, ווייל אָננעמען און בעזייטיגען בעאַמטע געהער דערוויל אויסשליסליך צו מיין קאָמ־פּעטענץ, אַ חוץ דעם איז דער פּאָרשלאָג אין סתירה צו דער קאָנסטיטוציע.

דערמיט האָט דער קאָמיסאַר וואָיעוואָדזקי די זיצונג געשלאָסען.

אַדוו. קאָוואַלסקי מעלדעט זיך צום וואָרט און פערלאַנגט צו עפענען אַ דיסקוסיע וועגען פּאָרשלאָג. די זיצונג איז אָבער שוין געשלאָסען און די אָפּאָ־זיציע פערלאָזט שוין דעם זאַל.

דאַן קומט אַזוי ווי שטענדיג.

#### דער מיטינג אויף דער גאַלעריע

ס׳הערען זיך די שטענדיגע אויסגעשרייען: „גיי־דער מיט די יודען" א. אַז. וו. די גאַנצע גאַלעריע און אַלע ענדעקישע ראַטמענער שטעהען אויף פון די ערטער און זינגען דעם „הימן מלאָדיך", דעם הימן פון דער ענדעקישער־יוגענד.

היינט אין אָוונט הויבט זיך אָן די בודזשעט־דעבאַטע אין לאָדזער שטאָט־ראַט, צו וועלכע די ענדעקעס גרייטען זיך זעהר שטאַרק.

## ראַטען־פערבאַנד איז גרייט...

ריגע, 20 (ספּ. טעל.) פון מאָסקווע איז מען מודיע:

אויף דער פייערליכער זיצונג פונ׳ם צענ־טראַלען אויספיהר קאָמיטעט, וואָס איז פאָרגעקומען נעכטען אין אָוונט, איז דער פּרעזעס פון „וציק", קאַלינין אַרויסגעטראָטען מיט אַ רעדע, געווידמעט די מעגליכקייטען פונ׳ם צוקונפטיגען קריג און די אויפגאַבען פון דער רויטער אַרמעע.

„מען דאַרף עס נישט פערהייזען — האָט קאַלינין געזאָגט — אַז ראַטען פערבאַנד איז פרינ־ציפּיעל געגען מלחמה. צוליב די שטימונגען אָבער, וואָס הערשען איצט אין די קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, מוזען מיר פעסטשטעלען, אַז דער קריג קאָן אַ ליאַדע מינוט אויסברעכען, פולשטענדיג אומ געריכט. די רויטע אַרמעי מוז דעריבער איצט זיין תמיד גרייט".

דערויף האָבען וואָראָשילאָוו און בודיעני פייערליך דערקלערט, אַז די רויטע אַרמעי איז צו יעדען מאָמענט גרייט מקריב צו זיין זיך אין שוץ פון די סאָוועטישע גרעניצען.

## אַנ׳עקספּלאָזיע אין אַ מאָסקווער פאַבריק

פּאַריז, 20 (ספּ. טעל.)

האַוואַס מעלדעט פון מאָסקווע: נעכטען איז אין איינער פון די מאָסקווער פאַבריקען פאָרגעקומען אַ שטאַרקע עקספּלאָזיע: 16 פערזאָן זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען.

די אויספאָרשונג איז אין גאַנג.


טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי"

טעלעגראַמע!

פון מאָרגן, פרייטאָג גאַסטשפּילען פון בעריהמטען אָפּערעטען־פּאָר

וויעראַ קאַניעווסקאַ

און

פּאָול ברייטמאַן

צוזאַמען מיט דעם ערשטקלאַסיגען אַנסאַמבל

פון „ראַזמאַיטאָשטשי"־טעאַטער.

פּרטים מאָרגן! פּרטים מאָרגן!


## נאַיווע מענשען, וואָס האָבען געגלויבט די נאַציס אויפ׳ן וואָרט...

### בעריכט פאַר׳ן ענגלישען ועד־הקהלות איבער דער לאַגע פון יודען אין דייטשלאַנד

לאָנדאָן, (יט"א) אויף דער לעצטער סעסיע פון ענגלישען ועד־הקהלות איז פאָרגעשטעלט גע־וואָרען אַ בעריכט פון „דזשאָינט פאָרעין קאָמיטע" וועגען דער לאַגע פון יודען אין דייטשלאַנד. אין דעם בעריכט ווערט געזאָגט צווי. אַנד.:

אין בעצוג צו די פאַרזאָגען, וואָס האָבען פער־לאָזען דייטשלאַנד אין דעם צוזאַמען אויסגעהאַלטען... שים, האָט די דייטשע רעגירונג תמיד בעצייכענט די בעצייכענונג „עמיגראַנטען". דער אינערן־מיניסטער ד"ר פריק האָט נישט לאַנג געהאַט געגעבען די פער־זיכערונג, אַז די פערזאָגען, וואָס ווילען זיך אומ־קעהרען קיין דייטשלאַנד וועלען נישט אָנטרעפען אויף קיין שום שטערונגען. דערפאַר איז אויך גרויס די ענטוישונג פון די יודען, וועלכע מען האָט שלעכט גע־אַטען צו האַלטען ביים וואָרט די נאַציס, און אומצוקעהרען זיך קיין דייטשלאַנד. פון אַ זעהר גלויבווירדיגער קוועלע דערוויסט מען זיך איצט, אַז אַלע יודען, וואָס האָבען זיך אין דער לעצטער צייט אומגעקעהרט קיין דייטשלאַנד, זענען שטרענג אויסגעפאָרשט געוואָרען און פיל פון זיי — מען גיט אָן די צאָהל פון הונדערט — זענען אינטער־נירט געוואָרען אין קאָנצענטראַציע - לאַגער׳ן „כדי זיי צו דערציהען אין גייסט פון דריטען רייך, לאַנד".

די דאָזיגע אַקציע שיינט צו זיין דער בעשטאַנד טייל פון אַ נייער אַנטי־יודישער אַקציע. עס זענען דאָ אויך אַנדערע סימנים, וואָס זאָגען עדות וועגען אַזאַ אַקציע. די אַנטי־יודישע באָיקאָט־בעוועגונג ווערט פאָרטגעזעצט מיט אַ פערשטערקטער אינטענ־סיוויטעט איבער גאַנץ דייטשלאַנד, טראָץ ערקלע־רונגען פון ד"ר שאַכט און ד"ר ליפּערט (רעגירונגס־קאָמיסאַר פאַר דער שטאָט בערלין) געגען דעם באָיקאָט.

ווייטער ווערט אין בעריכט בעהאַנדעלט די לאַגע אין פּאַלעסטינע נאָכ׳ן צוריקגלידערען די דאָזיגע טעריטאָריע אין דייטשען רייך און די לאַ־גע אין דאַנציג, וואו עס זענען אויף דעם 7־טען אַפּריל בעשטימט געוואָרען נייע וואַהלען צום פאָלקס טאָג, און וועלכען די נאַציס האָפען צו בעקומען אַ צוויי־דריטעל־מעהרהייט, וועלכע וועט זיי געבען די מעגליכקייט אַרויסצוטרעטען צום פעלקער־בונד מיט דער פאָדערונג צו ענדערען די קאָנסטיטוציע פון דער פריי־שטאָט.

בנוגע דער לאַגע פון יודען אין עסטרייך, שטעלט זיך אָפּ דער בעריכט אויף דער ערקלערונג, וואָס דער עסטרייכישער בונדעס־קאַנצלער ד"ר שושניג האָט געגעבען דער יט"א בעת זיין לעצטען בעזוך אין לאָנדאָן.

וואָס שייך דער לאַגע פון יודען אין רומעניען, שטעלט פעסט דער בעריכט, אַז די לעצטע אַנטי־סעמי־טישע געזעצגעבערישע שריט פון דער רומענישער רעגי־רונג האָבען אַרויסגערופען אַ בעדייטענדע בעאונ־רוהיגונג צווישען דער יודישער בעפעלקערונג. היות פערשידענע בעשטימונגען פון דעם דאָזיגען געזעצ־געבערישען אַקט זענען נישט קלאָר רעדאַגירט, בעשטעהט די מורא, אַז די אויסווירקונג פון דעם געזעץ זאָל פאַר יודען נישט ווערן פונקט אַזוי פאַטאַל ווי עס איז דער אַריער־פּאַראַגראַף אין דייטשלאַנד.

לאדז. 21 מערץ 1935

# ,,נייער פאלקסבלאט"

לאדז. 21 מערץ 1935

# ענגלישע עפענטליכע מיינונג —

## פעראנטווארטליך איז היטלערס פאליטיק פון געשעהענע פאקטען

ענגלאנד זעהט אויס, האט נאך אלץ נישט פערלוירען די האפענונג, אז עס וועט איהר געלונגען צו דיקצובערענגען דייטשלאנד צום אלגעמיינעם טיש, ביי וועלכען מען וועט געמיטליך אונטערהאנדלען וועגען ענטוואפנונגען און וועגען פערזיכערען דעם וועלט־שלום. די קאלטבלוטיגע ענגלישע פאליטיקער האבען זיך ווייניג איבערגענומען מיט היטלער'ס צורייסען דעם ווערסיילער טראקטאט. סיימאן איז נישט ,,קראנק" געווארען, ער פאהרט קיין בערלין, בכדי אויסצוהערען וואס היטלער האט איהם נאך צו זאגען. ווי אזוי די ענגלישע רעגירונג און די ענגלישע עפענטליכע מיינונג האט רעאגירט אויף די אלארמירענדע ידיעות פון בערלין, און ווי אזוי מען האט אין לאנדאן אפגעשאצט די געשאפענע לאגע, שילדערט די נעכטיגע ,,גאז. פאל." אין א קארעספאנדענץ פון לאנדאן אויף פאלגענדען אופן:

אין דער בריטישער נאטע זענען געווען צוויי וויכטיגע פונקטען: דער ערשטער און לעצטער. דער ערשטער ענטהאלט א פראטעסט געגען דער איינזייטיגער אקציע מצד דייטשלאנד וואס איז בערעכענט ארויסצורופען א אונרוהיגקייט אין אייראפע, און דער לעצטער, וואס שטעלט פעסט, אז די ענגלישע רעגירונג וויל נישט אדורכלאזען קיין שום געלעגענהייט מיט'ן ציל צו דערגרייכען א אלגעמיינע פערשטענדיגונג. זי וויל אבער וויסען נאך פארן ארויספאהרען פון די ענגלישע מיניסטארען קיין בערלין, צי די דייטשע רעגירונג האט נאך בדעה צו פיהרען אונטערהאנדלונגען אויפן יסוד פון דער ענגליש־פראנצויזישער דעקלאראציע פון 3 פעברואר. די דייטשע רעגירונג האט די בעדינגונגען אנגענומען און שוין דעם 24 ד.ח. פאהרען די מיניסטארען סיימאן און אידען קיין בערלין, די ענגלישע נאטע איז געהאלטען געווארען אין א רוהיגען טאן און איז א זעהר דיפלאמאטישער דאקומענט. מען קען דארט א סך ארויסלייענען צווישען די שורות, אבער עס ווארפט זיך אין די אויגען אז עס איז דארט קיין ווארט נישט דערמאנט געווארען וועגען דער פערגוואלטיגונג פון ווערסאילער טראקטאט. )

דער דייטשער ענטפער איז אין ענגלישען פארלאמענט אויפגענומען געווארען מיט צופרידענהייט, ער איז זעהר שנעל אנגעקומען און האט געשלאגען א רעקארד אין דער שנעלקייט פון נאטען־אויסטויש. די רעאקציע פון דער ענגלישער עפענטליכער מיינונג האט מיט קליינע אויסנאהמען, נישט געפינען א בעדינגונגסלאזע פעראורטיילונג פון דער דייטשער האנדלונג, די ענגלישע פובליציסטיק האט, ווי געוועהנליך, געפינען א סך ארגומענטען לטובת דייטשלאנד. למשל די ליבעראלע צייטונג ,,סטאר" וועלכע מען קען נישט חושד זיין אין איבעריגער סימפאטיע צו דייטשלאנד, האט געגעבען פאלגענדען קאמענטאר: ,,מען מאכט צופיל ליארם ארום דעם איינפיהרען אלגעמיינע מיליטער דינסט אין דייטשלאנד. פראנקרייך האט מיט א וואך צוריק פערלענגערט דעם מיליטער־דינסט. און אפילו א הונד האט נישט געבילט. יעדע מלוכה פערגרעסערט איהרע בעוואפנונגען, און די וועלט אינטערעסירט זיך גארנישט דערמיט. די דייטשען האבען פערעפענטליכט א פאקט, וואס איז שוין אלעמען געווען בעקאנט. מען האט ערווארט, אז דאס וועט אונז ארויספיהרען פון גלייכגעוויכט, — עס הויבט זיך גארנישט אן".

דער ערשטער שטארקער איינדרוק איז באלד אדורך. איניגע קאמענטארען זענען באלד געקומען צו דער מסקנה, אז עס איז נאר בעדויערנסווערט, די פארם פון דייטשען ארויסטריט. אבער דער שלום, וועט דערפון נישט ליידען להיפוך, ער וועט נאך געווינען. צווישען די אנהענגער פון דער ענטוואפנונג איז ענטשטאנען א פאראדאקסאלע האפנונג אז זייערע שטרעבונגען וועלען איצט קענען רעאליזירט ווערען ווייל די דייטשען געזעטיגט אין זייערע גלייכבערעכטיגונגס־שטרעבונגען וועלען איצט ניכער איינגעהן אויף הנחות.

די לינקע האבען מיט א געוויסער צופרידענהייט אנגעוויזען אז א דאנק היטלערן, זענען באלדווינס רייד וועגען בעוואפנונגען געווארען א בומעראנג וואס האט צוריקגעקלאפט די בעשולדיגער, עס איז דעריבער בעסער נישט צו ווארפען מיט קיין שטיינער אויף אנדערע אויב מען האט אליין חטאים. בכלל שאצען די ראדיקאלע עלעמענטען אפ די לאגע זעהר אפטימיסטיש.

וואס פאר אנ'אויסוועג האט אייגענטליך געהאט די ענגלישע רעגירונג? א געמיינזאמען פראטעסט פון די קאאליציע־מלוכות? דער געמיינזאמער ארויסטריט האט אנגעטראפען אויף געוואלדיגע שוועריגקייטען און ענגלאנד איז זעלבסטשטענדיג ארויסגעטרעטען. עס איז געבליבען די מעגליכקייט צו רעזיגנירען פון סיימאנס וויזיט אין בערלין, און בכלל פון א פערשטענדיגונג מיט די דייטשען, אבער די גאנצע עפענטליכע ענגלישע מיינונג איז געווען געגען דעם און ארויסשיקענדיג די נאטע צו דייטשלאנד האט די ענגלישע רעגירונג געגעבען א אויסדרוק די שטימונגען וואס הערשען איצט אין ענגלאנד.

די דאזיגע שטעלונג פון דער ענגלישער עפענטליכער מיינונג, בנוגע דייטשלאנד איז א גאנץ נאטירליכע ווען מען נעהמט אין אכט, אז זי איז אממייסטען שולדיג דערין וואס עס געשעהט איצט אין דייטשלאנד. זי טראגט די פעראנטווארטליכקייט און אויף איהר אדרעס קען מען זאגען: ,,דו האסט עס אזוי געוואלט". ענגלאנד איז געווען די מיטשעפערין פון ווערסאילער טראקטאט, אבער די ענגלישע עפענטליכע מיינונג האט כסדר אונטערגעהעצט די פערמעגנטען אין דייטשלאנד געגען דעם דאזיגען טראקטאט. זי איז געווען גינסטיג געשטימט צום רעוויזיאניזם, זי האט געוועקט די נישט־ערפילטע האפנונגען, האט ארויסגערופען א צומישונג, דעזאריענטאציע, ענטוישונג. אין אנהויב האט זי ריקזיכטסלאז פעראורטיילט היטלערן, פארווארפענדיג איהם, מלחמה־פלענער, אבער באלד אינגיכען האט זי נישט געשפארט קיין ווערטער פון אנערקענונג, פאר זיינע שלום־רעדעס. אבער קודם־כל דארף מען געדענקען, אז די גאנצע צייט האט זי פערטיידיגט די דייטשע פאדערונגען פון גלייכבערעכטיגונג. און דעריבער אז דייטשלאנד האט די דאזיגע גלייכבערעכטיגונג אליין פערווירקליכט, איז איהר איצט שווער זיך אויפריכטיג אויפצורעגען אפילו אויף א ,,איינזייטיגע אקציע" און אויף ,,געשעהענע פאקטען".

און וואס ווייטער? די ענגלישע פרעסע איז איצט געשטימט אפטימיסטיש, דער דייטשער ענטפער זאל זיין א גוטער אנוויז אויף א פאזיטיווען אויסגאנג פון די בערלינער געשפרעכען. דער סאציאליסטישער ,,דיילי העראלד" איז צופרידען פון דער בריטישער נאטע און שטעלט פעסט, אז זי פערשטארקט די שאנסען פון א אלגעמיינעם זיכערקייטס אפמאך. אין דעמזעלבען גייסט זאגען זיך ארויס אויך די אנדערע צייטונגען. מיטן אויסנאהם פון די עקסט־קאנסערוואטיווע. ,,דיילי עקספרעס" און ,,דיילי מייל" גלויבען נישט אין קיין שום אפמאכען און פאדערען א אינטענסיווע ענגלישע בעוואפענונג. כאראקטעריסטיש פאר די שטימונגען אין ענגלאנד איז דער פאקט אז מען וועט זיך איצט אין ענגלאנד 10 געגען 1, דאס אין משך פון א יאהר וועט ענגלאנד נישט איינגעצויגען ווערען אין א מלחמה. און 7 געגען 1, אז אינדערזעלבער צייט וועט נישט קומען צו קיין פראנצויזיש־דייטשער מלחמה. מיט דריי חדשים צוריק זענען אבער די סטאווקעס געווען אנדערע. בעדייטענד העכערע און נעמליך 25 און 19 געגען 1.

די בריטישע נאטע האט ארויסגערופען א גרויסע ענטוישונג אין פאריז און פראטעסטען אין מאסקווע. אין פאריז רופט מען זי ,,קאפיטולאציע פאר היטלער"ן ווי מען שמועסט וועט פראנקרייך ענטפערען אויף דער ענגלישער נאטע קיין בערלין, מיט שליסען א בונד מיט ראטענפערבאנד, צו דעם צוועק פאהרט מיניסטער לאוואל קיין מאסקווע.

# די פראנצויזישע פרעסע

## וועגען צורייסען דעם ווערסאלער טראקטאט

א געשעהעניש פון געוואלדיגע בעדייטונג, דייטשלאנד שטעלט צוריק איהר [illegible] און אבליגאטארישען מיליטער־דינסט. אמת, קיינער האט זיך קיין אילוזיעס וועגען די דייטשע קריגס־הכנות נישט געמאכט. אבער היטלער האט אויסגעקליבען זיין מאמענט. באלד אויף מארגען פון די פראנצויזישע צוויי־יאהריגען־דינסט. ער האט געוואלט שפילען — ווי עס זאגט דער ,,פיגארא", אויף דער סאציאליסטישער פראפאגאנדע אין פראנקרייך און ענגלאנד, כדי מען זאל זאגען, אז נישט ער האט אנגעהויבען.

די פרעסע פון דער גאנצער וועלט בעהאנדעלט די פראגע. צוויי אויסוועגען זענען איצט דא. אדער מיט כח געגענשטעלען זיך דעם היטלעריזם אדער אנהויבען אנ'ענערגישע דיפלאמאטישע אקציע כדי דערברענגען דייטשלאנד צו אונטערווארפען זיך די בעשלוסען פון דער פעלקער־ליגע. דער ,,פארי־מידי" גיט נעכטען איבער אין קורצע אבער אויסדריקספולע איבערשריפטען די שטימונגען פון ענגלאנד, איטאליען און רוסלאנד.

,,רעדען מיט דעם רייך האט מעהר קיין שום זין נישט" — דערקלערט לאנדאן. דאך אויב דער ענגלישער קאבינעט פערזאמעלט זיך העכסט דרינגענד, מיידט מען אבער אויס צו דראמאטיזירען די לאגע.

פון רוסלאנד גיט איבער די זעלבע, זעהר רעכטע צייטונג:

,,די מיינונג פון מאסקווע איז, אז נאר א פערשטענדיגונג אהן שום רעזערוועס צווישען לאנדאן מיט פראנקרייך און ראטען־רוסלאנד קען איצט בלויז אבשטעלען דאס 3־טע רייך".

פון איטאליען אנ'ענליכע אבשאצונג:

,,די זארג פאר בעוואפנונגען דארף אלעס דאמינירען" זאגט רוים און געטריי די אפמאכען מיט פראנקרייך בלייבט איטאליען אין איינקלאנג מיט פאריז און לאנדאן.

די רעכטע ,,ליבערטע", טארדיעס צייטונג, שרייבט:

אויף דעם שרעקליך קרומען וועג אויף וועלכען היטלער האט זיך אנגעזשירט, קען דער היטלער ווערען איינגעהאלטען נאר דורך דער אידעע, אדער ריכטיגער געזאגט דורך דער זיכערהייט, (אז אויב ער וועט גיין ביז א קריג, וועט ער פאר זיך טרעפען די צפון־לענדער נישט נאר פעראייניגטע, נאר אויך גרייטע צום ענטפערען. פונקט ווי פאר ביסמארק אזוי וועט פאר איהם דער ,,קאשמאר פון די קאאליציעס" זיין אן אנהויב צו בערוהיגען זיך.

דער ,,מאטען" גיט איבער די שמחה פון דייטשלאנד:

,,עס קען זיין, אז דאס דייטשע פאלק פרעהט זיך פון דעם, וואס מיט אמאל קלערט זיך ברוטאל אויף א צווידייטיגקייט, וועלכע איז שוין געהאנגען זייט לאנגע מאנאטען. ווען דאס דייטשע פאלק זיך אבגעבען א רעכענונג פון דעם אז די מעטאדע פון כח וועט נישט ערמעגליכען צו בעקומען פאר דייטשלאנד אזעלכע האנאראבעלע רעזולטאטען, ווי זיי וואלטען געקענט האבען אויף דעם וועג פון אינטערנאציאנאלע אונטערהאנדלונגען מיט איינענדליך ווייניגער דראהענדע קאנסעקווענצען?

דער ראדיקאל־סאציאליסטישער ,,עוור" וויל ווייטער נאך א דעליקאטע שפראך. חלילה, מען זאל נישט ארומרינגלען דייטשלאנד מיט אליאנסען, נאר מען זאל מיט היטלער'ן רעדען, פונקט ווי דאס ,,[illegible]" האט עס א בעדייטונג.

קאנפערענצען, בעראטונגען און געשפרעכען וועגען וואס?

וועגען א סיסטעמאטישען ,,ארומרינגלען" דייטשלאנד?

ניין, ניין און ניין! אבער מען דארף, אז אלע פעלקער, וועלכע זענען צוגעבונדען צום פרידען, זאלען מארגען קענען זאגען דעם רייך:

— אויב איהרע לעצטע דעקלאראציעס זענען אויפריכטיג, טא לאמיר ענדליך זוכען דעם אמת'ן אבמאך וועגען בעגרעניצען די בעוואפנונגען. אויב איהר זענט נישט מסכים דערצו, טא וואונדערט זיך נישט, וואס איבער־חזר'ענדיג אייערע אמאליגע פעהלערן פון פאר 1914, וועט איהר ווידער האבען די גאנצע וועלט געגען זיך.

עפעס ענליכעס זאגט דער סאציאליסטישער ,,פאפולער". מען דארף געהן קיין זשענעווע:

מען דארף צוריק אנהויבען די ארבייטען פון דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ, מען דארף זי פיהרען שנעל און גוט.

וועט דייטשלאנד וועלען בעטייליגען זיך אין איהר? — איז גוט. אויב נישט וועט מען זיך אהן איהר בעגעהן, און דאמאלסט, אז מען וועט שוין האבען אויסגעארבייט דעם פלאן, וועט מען היטלער'ן צודריקען צו דער וואנד. היטלער וועט דאמאלסט האבען אויסצוקלייבען צווישען אקצעפטירען אדער בלייבען אינגאנצען איזאלירט.

האט בערלין מורא פאר דעם זשעסט איהרען?

— דער בעקאנטער מלוכה־מאן האנרי דע זשו־ווענעל שטעלט די פראגע אין ,,עקסעלסיאר":

בלויז 48 שעה וועט דאס גאנצע דייטשלאנד זיך שטעלען די פראגע צי מיר וועלען נישט צוריק פערנעמען דעם ריין־געביט, ווייל דאס איז דער איינציגער ענטפער וועלכען זיי שטעלען זיך פאר, אז מיר קענען געבען אויף איהר זשעסט. נאך דעם טערמין וועט זי אפילו מעהר פון דעם נישט טראכטען און וועט בלויז קלערען, ווי אזוי צוגרייטען די קומענדיגע אפענסיווע.

די קאמוניסטישע ,,הומאניטע" האלט, אז מען דארף מאכען א... פעטיציע געגען די צוויי יאהר דינסט.

מעהר ווי אלעמאל דארף מען איצט דורכפיהרען די דירעקטיווען, וועלכע פערשידענע איניציאטיוועס האבען שוין אנגעהויבען אליין.. מען דארף זיי סיסטעמאטיזירען און ארגאניזירען, און קודם כל דארף מען אויפזאמלען אויף א ריזיגער פעטיציע די אונטערשריפטען פון הונדערטער טויזענדער געגען די צוויי יאהר.

* * *

דער בערימטער יודיש־דייטשער שרייבער עמיל לודוויג האט פערעפענטליכט אין נעכטיגען ,,זשורנאל" אנ'ארטיקעל: ,,די לעצטע ווארנונג". עמיל לודוויג זאגט:

דאס נייע דייטשע מיליטערישע געזעץ בעדייטעט אדער א מלחמה אדער היטלערס פאלען.

עמיל לודוויג האלט, אז היטלער האט צו פערדאנקען זיין ערפאלג דעם פאקט, וואס אייראפע האט כסדר נאכגעגעבען זיינע פאדערונגען. ענגלאנד וועט איצט עפענען די אויגען אויף דער אמת'ער לאגע. ענגלאנד, וועלכע האט געהאלטען, אז א בעוואפענט פראנקרייך איז פונקט אזוי געפעהרליך ווי א בעוואפענט דייטשלאנד. עמיל לודוויג פיהרט אויס:

מיר האבען איצט געקריגען א לעצטע ווארנונג. אבער אויב אייראפע וועט אנשטאט כסדר אבטרעטען איצט אבזונדערען זיך פון דעם, וועלכער צוברעכט די אבמאכען, וועט דאמאלסט די מורא פון א פעראייניגטער אייראפע איבעראנדערען די געדאנקען ביי מיליאנען דייטשען, וועלכע זענען אנגעזאפט מיט פערביטערטקייט און מען וועט אויפקלערען זייערע געפיהלען. און דערמיט וועט מען מיטווירקען צום פאלען פון די אוואנטוריסטען וועלכע האבען דערבראכט דייטשלאנד צו דער איזאלירונג.

י. סקי.

# אין 13 שעה פון אמעריקא קיין אייראפא

די גרעסטע מניעה, וואס האמעוועט די שנעליגקייט פון יעדע קאמוניקאציע, איז דער ווידערשטאנד וואס עס שטעלט די סביבה, אין וועלכער עס קומט פאר די בעוועגונג. דער דאזיגער ווידערשטאנד ווערט כסדר גרעסער, וואס מעהר מיר פערשנעלערן די בעוועגונג. דערביי אין געוועהנליכע לופט וואקסט דער ווידערשטאנד פראפארציאנעל צום קוואדראט פון דער שנעליגקייט. עס איז דעריבער פערשטענדליך, אז אין די העכערע שיכטען פון דער אטמאספער, וואו די לופט איז נישט אזא געדיכטע, טרעפט אן דאס פליהען מיט עראפלאנען אויף א סך קלענערען ווידערשטאנד. דער נוצען בעשטעהט אלזא אין דעם אז מיט דעמזעלבען מאטאר דערגרייכט מען א גרעסערע שנעלקייט. א חוץ דעם איז דער עראפלאן אין דער סטראטאספערע פולשטענדיג אפהענגיג פון די אטמאספערישע בעדינגונגען ווי נעבעל, ווינדען, וואלקענס און שטורעמס.

נאך דעם בעקאנטען פליה פון פראפעסאר פיקאר אין דער סטראטאספערע, האט מען אין אלע לענדער אנגעהויבען צו בויען פרוביר עראפלאנען, וואס זאלען זיין צוגעפאסט צו פליהען אין דער סטראטאספערע. גרויסע ערפאלגען האט איצט צו פערצייכענען אויף דעם געביט דער אמעריקאנישער לופט־פליהער ווילעי פאסט, וועלכער האט זיך איינגע'עקשנט צו פליהען אין דער סטראטאספערע אויף זיין אלטען עראפלאן, אויף וועלכען ער האט שוין געמאכט צוויי רייזעס ארום דער וועלט.

בכדי זיך צו פערזיכערען פאר דער קעלט און מאנגעל אין לופט, אין די הויכע שיכטען פון דער לופט, האט פאסט קאנסטרואירט א ספעציעלען קאסטיום ענליך צו די וואס עס טראגען די ים־טויכערס, ווען זיי לאזען זיך אראפ אין די טיפענישען פון ים. דער דאזיגער קאסטיום ווערט בעהייצט דורך דער הילף פון מאטאר פון עראפלאן. ביז 7 קילאמעטער הויך ווערט אין דעם קאסטיום אויך מיט דער הילף פון מאטאר אריינגעפומפט לופט, און נאך העכערע שיכטען פון דער אטמאספערע, וואו די לופט ענטהאלט שוין צו ווייניג זויער־שטאף אז א מענש זאל קאנען אטעמען. ווערט דער קאסטיום אנגעפילט מיט זויער־שטאף פון ספעציעלע פלאשען, וואס ווערען מיטגענומען. אזוי ארום דארף מען שוין מעהר נישט בויען אידעאל פערמאכטע קאבינעס, וואס זייער קאנסטרוקציע טרעפט אן אויף גרויסע שוועריגקייטען. פערזעהן מיט אזא קאסטיום האט ווילעי פאסט זיך אונטערגענומען אדורכצופליהען אין דער סטראטאספערע דעם שטח פון ניו־יארק—לאס־אנזשעלאס.

די ערשטע פראבע האט זיך נישט איינגעגעבען צוליב דעם שלעכטען ארבייטען פון מאטאר: דעם 15 ד.ח. האט פאסט אונטערגענומען א צווייטען פרוב, וועלכער הגם ער איז אויך נישט פולשטענדיג געלונגען, האט ער אבער ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג אין די לופט־פליהער קרייזען.

פאסט'ס פליה קען נאך נישט בעטראכט ווערען פאר א סטראטאספערישען, צוליב דער הויך אין וועלכער ער איז פארגעקומען. און נעמליך, סך הכל אויף 8 און א האלב קילאמעטער הויך, און נאר א קורצע צייט אויף 10 קילאמעטער הויך, אבער שוין אויף דער דאזיגער הויך האט זיך ארויסגעוויזען א פערגרעסערטע שנעליגקייט פון עראפלאן, וואס איז געפלויגען דורכשניטליך צו 445 קילאמעטער אין א שעה און צוויי שעה אפילו צו 544 קילאמעטער א שעה. דערביי דארף גענומען ווערען אין אכט, אז פאסט'ס מאשין איז א אלטע מאשין און איז געבויט געווארען צו גאנץ אנדערע צוועקען. פאסט איז געפלויגען גאנצע 7 שעה, און האט פעסטגעשטעלט די מעגליכקייט שוין אין דער נאהענטסטער צייט איינצושטעלען א רעגולערע קאמוניקאציע דערוייל נאר פון פאסט־פערקעהר, און שפעטער אויך פאר פאסאזשירען אויף הויכקייטען אהן ספעציעלע קאסטבארע קאנסטרוקציעס.

מיר קענען דעריבער ערווארטען, אז אינגיכען וועלען מיר אריינטרעטען אין אזא פעריאד פון קאמוניקאציע אין דער הויך, וואס וועט שטעהן אין פערהעלטניש צו דער איצטיגער לופט־קאמוניקאציע ווי די באהן צום דיליזשאנס, שוין ביי דער שנעליגקייט וואס פאסט האט דערגרייכט בעת זיין פליה פון ניו־יארק — לאס אנזשעלאס, קען מען אדורכמאכען די שטרעקע ניו־יארק — פאריז אין משך פון 13 שעה, עס וועט נישט לאנג געדויערען און מען וועט שוין גארנישט דארפען בויען די קינסטליכע אינזלען אויפן צפונדיגען אטלאנטיק און די וועלט וועט זיך נאך מעהר צוזאמענקורטשען.

אבער דערמיט איז נאך נישט געענדיגט. אין דער סטראטאספערע און אין ספעציעלע עראפלאנען וועט די דאזיגע צייט נאך בעדייטענד פערקירצט ווערען.

# אין דער סטאַוויסקי־אַפערע זענען דאָך גאָר קיין יודען נישטאָ

די „אויספאָרשונג" פון דער רײַזיגער סטאַוויסקי־אַפערע איז ענדליך פאַרענדיגט. כמעט אַנדערהאַלבן יאָהר האָט זי געדויערט, און זי איז דורך אַזוי פיל דראַמאַטישע און אויפרייסלענדע מאָמענטען־זי האָט אויפגערודערט דאָס גאַנצע לאַנד און דערבראַכט צו אַ טיפען קריזיס פון'ם רעפּובליקאַנישען רעזשים און האָט דערפיהרט צו די בלוטיגער באַטע פון'ם 6־טען פעברואַר. מען האָט די גאַנצע אַפערע געקריטיקט אַלס דעם גרעסטען שווינדעל פון אונזער צייט און זי האָט געגעבן אַ ים גאַל די אַנטיסעמיטישע קוואַלען. און איצט האָט דער אויספאָרשונגס־ריכטער געלייגט זיין גאַנצע חתימה. 19 פערזאָן פון די העכסטע פּאָליטישע קרייזען געהערן פאַר דעם משפּט פון די געשוואוירענע. און יעהער איינער יוד האָט זיכער — פּונקט ווי איך — דורכלויפענדיג די 19 נעמען פון די בע־שולדיגטע זיך אַליין אַ פראַג געשטעלט: — איגנאַציען צווישן יודען צווישן די?! ? — און דערצו נאָך פון קלײנער בעדייטונג אין דער אַפּעריע. די „באַטאַנטע ונטעקספערטע, דער געשמדטער יוהר העמרי קאָהען, וועלכער האָט ספּעציעל צו טייער געשאַצט די פּרטיל און דיפּלאָמאַטען פון'ם דאַרטיגען לאָמבאַרד און אַזוי אַרום געגעבען די מעגליכקייט סטאַוויסקין צו מאַכען דעם איינדרוק, אַז אין לאָמבאַרד ליגען אוצרות גאַנצע, און דער אולטראַ־רעכטער פּובליציסט און צייטונגס — אַרויסגעבער פאַל לעווי, וועלכער ווערט אָנגעקלאָגט אין קריגען אַ טשעק אויף 200 טויזענט פראַנק פון סטאַוויסקי'ן פאַר מאַכען פּראָפּאַגאַנדע פאַר זיינע ווערטפּאַפּירען — דאָס אַלעס.

אמת, עס בלייבט דער הויפּט־העלד, די נשמה פון דער גאַנצער אַפּעריע אַלעקסאַנדער סטאַוויסקי. צי איז ער געווען אַ יוד? — זיין פאָטער איז שוין געווען אַ געשמדטער און די מוטער אַ רוסישע, אַ פּראַוואָסלאַווע. דורכאַ אַדמאַמאָוו האָט זי אַלס מיטגעלגעהייסען. און ביידע ליגען אויף דעם בית־עולם פּער־לאַשעז אונטער אַ ריזיגען צלם בעערדיגט. אַ באַקאַנטער פּאַריזער מוהל האָט מיר פּערזאָנען אין זיינע ביכער, אַז אַרום 1926 איז ער געקומען געהאַרען אין דער פּראַיען (?) תּפיסה מל צו זיין אַ קינד פון אַ יודישען פאָטער אַלעק־

(בריף פון פּאַריז)

פון י. חאמסקי

סאַנדער סטאַוויסקי איז פון אַ קריסטליכער מוטער. דער מוהל האָט דאָס יודישען אין תּפיסה דורכגעפיהרט און צו יעגער צייט איז טאַקע די אַר־ליקע סטאַוויסקי געווען אין טורמע פּערמישט און איהר מאַמע אַ שווינדעל און זי האָט איהר קינד אין דעם טורמע — שפּיטאָל געהאַט. אָבער שפּע־טער האָט סטאַוויסקי, בעת דער קראַנקהייט פון זיין מוטער זיך אויך געשמדט, כדי צו געפינען דעם צו־טרוי פון דער רייכער קאַטוילישער אויסגעהיילטן און בעשווינדלען זי אויף אַ האַלבען מיליאָן פראַנק. אַלזאָ? — פון אַ האַלב יודישער אָפּשטאַמונג, חתונה געהאַט מיט אַ קריסטליכער פרוי, געטוישט זיין קינד און אַליין זיך געשמדט, וואָס איז ער גע־ווען? — קיין רייבער „אַריער" נישט, אָבער קיין יוד שוין אויך נישט אינגאַנצען. ווער קען זיך דאָ אויספּלאָנטערען?

* * *

סטאַוויסקי איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד אָדער אפשר איז מען איהם דעם זעלבסטמאָרד בעגאַנגען... מען וועט דאָס שוין קיינמאָל נישט וויסען. איינס בלייבט. ער האָט זיין פערברעכען בעצאָהלט,

אפילו נאָך מעהר ווי איהם האָט געקומט. אָבער ער איז דאָך אַלעמאָל געווען אַ שווינדלער. בלויז אַ שווינדלער. נאָך אַלס קינד געגנב'עט די גאָל־דענע צייגער ביים פאָטער דעם דענטיסט. שפּעטער געזעסען אין טורמע פאַר שווינדעל. איך וואָלט זאָגען: — דאָס איז געווען זיין פאַך! ער האָט אָבער שנעל פערשטאַנען, אַז אין אונזער געזעל־שאַפט שטראָפט מען נאָר דעם קליינעם פערברעכער און וואָס גרעסער די גנבה אַלץ קלענער די שטראָף און ער האָט געשטרעבט צו עפּעס גרויסעס צו גאָר ברייטע האָריזאָנטען, וואו מען זשאָנגלירט שוין מיט מיליאַרדען און נישט מיט מיליאָנען. און ער האָט אויך געקענט דעם מענש, בפרט דעם פּאָליטיקער, און זיין צופּוליטקייט און ער האָט דאָס אויסגענוצט. דער פּאָליטיקער שטעהט מיט ברייטע הענד: גיב! — און מען דאַרף נאָר די הענד אָנפילען און מען בעקומט אַלעס, וואָס די מלוכה האָט נאָר. די העכסטע זאַכען ואפילו אין אונזער געזעלשאַפט געהט אַלעס דורך ביוראָס מיט שרייב־מאַשינען, מיט פערשלאָסענע שופלאָדען. קען מען דאָס אויסנוצען — איז עס דאָך שוין זיכער, דער פאַך פון'ם שווינדלער! — און מען דאַרף נאָך שפּילען די ברייטע קאָמעדיע, פאַר דער גאַליאַ־קע, וואַרפען מיט געלד, און אַלעם נוצט מען שוין האָבען.

* * *

און ער האָט געהאַט זיין פּלאַן. פון'ם אַלטען עסטרייך האָט מען געמאַכט קליינע מלוכות. זע־נען דאָ פיל גיטער, וועלכע ליגען אויף דער גרענ־ניץ און געהערען איצט צוגעצויי לענדער. האָט דער ווערסאַלער טראַקטאַט צוגעזאָגט, אַז אויב די איי־גענטימער פון די גיטער וועלען נישט וועלען בלייבן צוזאַמען, וועט מען ביי די אַנקויפען די גיטער לויט גוטע פרייזען. דריי מלוכות האָבען דאָס גאַראַנטירט: ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליען. האָט סטאַוויסקי שטלאָזהייט געזאָלט אָפּקויפען אַ גרויסען טייל פון די גיטער פאַר ביליג און גע־זאָלט זיך לאָזען בעצאָהלען לויט די צוגעזאָגטע פרייזען. אַ ריזיג געשעפט, ביז מיליאַרדען. געלד האָט מען געהאַפּט. האָט ער פריהער געמאַכט איין שווינדעל אין אָרליאַן, אויך מיט אַ שטאָט־לאָמבאַרד און ווען ער איז צוגעדריקט געוואָרען

צו דער וואַנד, האָט ער אין טאָג צוגעשטעלט איבער 10 מיליאָן פראַנק. אין באַיאָן האָט שוין דער שווינדעל דערגרייכט ביז 100 מיליאָן און ער האָט אפשר געזאָלט געדעקט ווערען מיט די אונגאַרישע גרענעץ־גיטער, אָבער אַלס האָט גע־פּלאַצט און דער ריזיגער שווינדעל איז אויפ־געדעקט געוואָרען.

* * *

און באַלד האָט זיך אַ לאַז געטון דאָס געשריי: — דער יודישער שווינדלער! — און גאָר אַ פריי־ער קריסט האָט מיר ערשט די טעג געזאָגט:

— איינשטיין רעכענט זיך ביי מיר נישט, איך זעה נאָר סטאַוויסקין! — און גראָדע האָט דאָס געזאָגט מיר אַ מאַן אַ קולטורעלער און געבילדע־טער — און נישט בלויז ער טראַכט אַזוי, אַלע לײ־דער! — כל ישראל ערבים זה בזה, אפילו פאַר די, וועלכע זענען שוין פון אונז אַוועק און האָבן שוין מיט יודען קיין שייכות נישט. וואו זענען אָבער געווען די אַלע, וועלכע האָבען מיט זייער ער־ליכקייט, מיט זייער ווירדע, מיט זייער ריינקייט בעדאַרפט פאַרשטעלען דעם וועג פאַר אַ סטאַוויס־קי, וועמענס פאַך עס איז צו שווינדלען? — לייענט די נעמען פון די אַלע דעפּוטאַטען, געוועזע־נע, אפילו אונדירעקטע צוויי יאָהריק־מיניסטער טאָרען — דעפּוטיטע און רענטע יענע? — מענשען, וועלכע שטעהען שוין גאָר הויך, ביים סאַמע וואַרשאַל פון דער געזעצליכקייט, ואפילו זיי זענען פאַר־מישט! — און וויפיל אַנדערע? — און קיינעם וועט נישט איינפאַלען צוליב דעם צו וואַרפען אפילו אַ פגימה אויף זייער גאַנצען פראַנצויזישען פאָלק!

— מען וועט זאָגען אַז „דער דעפּוטאַט גאַראַ איז אַוועק אויף אַ וועג פון שווינדעל, דער יוסטיץ־מיניסטער רענע יענע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט!" אָבער אויף אונז וועט מען צוליב אַנ'אָבטריניגען סטאַוויסקי באַלד וואַרפען: — די יודען זענען שווינדלער! — און אויב מען וועט עס נישט אויסער־טום זאָגען הויך, וועט מען עס זיכער זאָגען שטיל, הינטער אונזערע פּלייצעס. אַזאַ גורל אונזערער.

* * *

דער גאַנצער סטאַוויסקי שווינדעלט, כדי אָנ־צופילען די קעשענעס פון די גאַראַנטס, באַנאַרס און בעצאָהלט סוף־כל־סוף מיט זיין לעבען — און געגען אונז פיהרט מען די העצעס... און איך לייען די נעמען פון די בעשולדיגטע און איך זעה דאָרט יודען און געפין זיי כמעט נישט. אָבער די העצע האָט שוין איהרס אָנגעטון. דער גיפט איז פערשפּרייט געוואָרען. די נעמען ציהען זיך: טיסיע, גאַראַ, באָנאַר, דיבאַרי, דעפּאַרדאַן, דעבהאַם... און עס הייסט אַליין: — די יודען!...

Dr.
Wołkowyski
האט זיך איבערגעצויגן אויף
ציגעל־גאס 11, טעל. 238-02
נעמהט אן אין הויט־ און וועגערישע
קראנקהייטען. מענער־שוועכע
פון 8—11 ביי טאג פון 4—9 אוונט

# יאזעף לאטײנער
## וועלכער איז אמאל געווען א „קעניג" פון יודישען טעאטער

פון יאָזעף רומשינסקי

איך בעט איהם מאַכען אַ לידעלע; איך בעט איהם: „מאַך מיר אַ דועטעלע", מאַכט ער אַ דועט; איך הייס איהם מאַכען אַנ'אַנסאַמבעלע, מאַכט ער אַנ־אַנסאַמבל".

אין דעם אַלעם האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט לאַ־טיינער'ס איינציגאַרטיגקייט ביים טעאַטער. ער האָט פיינט געהאַט מוטשען דאָס פּובליקום; איבעריהויפּט האָט ער פיינט געהאַט וועה צו טון דעם פּובליקום. מיט וועה טון דעם פּובליקום מיין איך — ער האָט פיינט געהאַט ווייזען צופיל צ־רות אויף דער בינע. מען קען זאָגען, אַז ער איז געווען דער איינציגער וועלכער האָט געווייכט פון איבערגעטריבענע סצענעס און איבערגעטריבענע צרות.

לאַטיינער, ווי שוין געזאָגט, איז געווען אַ צו־פרידענהאַלטענער מענש, און קיין גרויסער גביר איז ער קיינמאָל נישט געווען. איך דערמאָהן מיך אַן פאָלגענדען פאַל:

ער קומט איינמאָל צו פראָבע פון זיינער אַ נייער פּיעסע, און הערט ווי דער אַקטיאָר, מאַכענדיג פּראָבע, זאָגט, אַז „רחמיאל ברודע, דער גביר, פער־מאָגט צוויי מאָל הונדערט טויזענד רובל". שטעלט לאַטיינער אָפּ דעם אַקטיאָר און זאָגט: „עס איז צופיל פאַר איהם; גענוג פאַר איהם הונדערט טויזענד רובעל". פאַר לאַטיינער'ן איז הונדערט טויזענד געווען די גרעסטע סומע.

איך וויל דאָ נישט אַריינגעהן אין חקירות וועגען לאַטיינער'ס אָריגינאַליטעט, אָבער אַ לאַטיי־נערישען חן, אַ יודישען טעאַטער־חן, האָט לאַטיינער אַריינגעגעבען אין אַלע זיינע פּיעסען.

עס איז כדאי צו דערמאָנען דאָ אַ פאַקט:

מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק קומט צו מיר צו געהן לאַטיינער און זאָגט מיר, אַז ער וועט באַלד זיין פאַרטיג מיט אַ נייער פּיעסע, און מיט אַ פּאָר מאָנאַטען שפּעטער קומט ער צו מיר לייענען די פּיעסע. בעפאָר דעם לייענען דערצעהלט ער מיר אַביסעל דעם אינהאַלט פון דער פּיעסע. זאָג איך צו איהם: „לאַטיינער, עס טוט מיר לייד וואָס איהר האָט געאַרבייט אויף דער פּיעסע, ווייל צוויי שרייבער האָבען שוין אָנגעשריבען פּיעסען מיט דעם זעלבען אינהאַלט און מען האָט שוין ביידע אָפּגעשפּילט," און איך זאָג איהם ווייטער, אַז קיין גרויסען ביפאַל האָבען ביידע פּיעסען נישט גע־האַט. פערדעסטוועגען בין איך געווען נייגעריג צו הערען וואָס ער האָט אויפגעטון אין דער פּיעסע, ווייל דער אָריגינאַל איז פון אַ גרויסען דייטשען שרייבער. ווי איבעראַשט בין איך געוואָרען ווען דער אַלטער לאַטיינער, שוין דאַן ווייט אין די זיבעציגער, האָט בלויז איבערגעפיהרט דעם אינהאַלט

איבערגעזעצט, אָפּגעשניטען, בתומי'טע, דגאַליקעל, רואַר־צעניא, דבוראַקעניו, פריידעניו, גיטעלעניו, — אַזוי האָבען געהייסען די העלדען פון לאַטיינער'ס פּיעסען; אַלע גוטענקע, געטרייענקע, ליבענקע, זיסענקע, האַר־ציגע מענשעלעך. און קיינער האָט איינער געהייסען בלויז „רחמיאל אָדער קלמן, איז ער געווען אַנ'־אינטריגאַנט, אַ שלעכטער, אַ „רויטער".

אַזעלכע אינטריגאַנטען האָט לאַטיינער גע־האַט אין זיינע פּיעסען בלויז איינעם אָדער צוויי. די איבעריגע זענען געווען, ווי שוין געזאָגט, לי־בענקע, זיסענקע, האַרציגע מענשעלעך.

אין לאַטיינער'ס פערזאָנען האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט די פערזאָן לאַטיינער. ער אַליין איז געווען אַ שטילער, בעשיידענער, רוהיגער מענשעלע, און ער האָט באמת ליב געהאַט, האַרציג ליב געהאַט די פערזאָנען אין זיינע פּיעסען. זייער גוטסקייט און זייער האַנדלונג איז געווען „אַלאַ לאַטיינער", און ער האָט געהאַסט פון טיפען האַרצען זיינע אינטרי־גאַנטען; און דערפאַר האָט ער, ווי שוין פריה־ער געזאָגט, געהאַט אין אַלע זיינע פּיעסען בלויז איינעם אָדער צוויי אינטריגאַנטען.

לאַטיינער האָט זעהר רעספּעקטירט יעקב גאָר־דינ'ען, געווען אַ חסיד זיינער. אָבער ער פלעגט זיך שטאַרק בעקלאָגען אויף גאָרדינען פאַרוואָס ער האָט געגעבען זיינע העלדען רעוואָלווערען און פּיסטאָלעטען אין די הענד. רעדענדיג פון דעם פלעגט ער זאָגען, אַזוי שטיל, בעצימות'דיג: „צו וואָס דאַרף מען יודען געבען פּיסטאָלעטען? וואָס דאַרף מען יודען לערנען שיסען? מען דאַרף עס נישט, ס'איז נישט יודיש."

אין לאַטיינער'ס פּיעסען, אַז די מאַמע האָט געדאַרפט זאָגען צו איהר פערהייראַטער טאָכטער, למשל: „רחל, מאַך צו דאָס פענסטער", האָט זי געזאָגט: „רחלעניו, מאַך צו דאָס פענסטערל".

לאַטיינער אַליין, ווען ער פלעגט לייענען אַ פּיעסע פאַר די אַקטיאָרען, פלעגט ער זאָגען מיט אַ שטילען בעשיידענעם טאָן: נו, קינדערלעך, זעצט זיך און איהר וועט הערען מיין „פּיעסעלע", און ער פלעגט אָנהויבען אונגעפעהר אַזוי:

„עס קומט פאַר ביי רב יוסעלען אין דער היים; אַ צימערעל מיט דריי פענסטערלעך. ס'שטעהט אַ טישעלע מיט צוויי בענקעלעך".

אַ פענסטער, אַ טיש, אַ באַנק, — אַזוי האָט נישט געקענט לאַטיינער און אַזוי האָבען נישט גערעדט זיינע העלדען.

צום קאָמפּאָזיטאָר פלעגט ער זיך ווענדען אונגעפעהר אַזוי: „איך ווינש מיר אַקט מאַכט מיר אַ לידעלע, אַ דועטעלע און אַנ'אַנסאַמבעלע".

ער האָט זיך פאַר מיר אַמאָל בעקלאָגט אויף אַ געוויסען קאָמפּאָזיטאָר: „איך ווייס נישט וואָס איך זאָל טאָן מיט איהם. ער איז אַ גאַנץ גוטער מוזיקער, אָבער איך האָב צו איהם איין טענה, —

פון דער דייטשער פּיעסע. פון יענעם כאַראַקטער און טיפ האָט געמאַכט אַ לאַטיינער'יש מילדער יודי־שער חן. די כאַראַקטערן — אפשר נישט ניי. אָבער דאָס זענען געווען די כאַראַקטערען וועלכע האָבען פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר רייך געמאַכט דאָס יודישע טעאַטער.

לאַטיינער איז געקומען צום יודישען טעאַטער אַלס יונגערמאַן מיט צוויי שפּראַכען: העברעאיש און דייטש. די מהלסטע סיטואַציעס פון זיינע פּיע־סען זענען געווען פון דער דייטשישער ליטעראַטור, אָבער מיט דעם לאַטיינערישען חן, מיט די גוטמוטיגע טיפּען פון די לעמעשקע־מענער און ברייינדעלע־קאָ־זאַק ווייבער. נאַכהער, צום שלוס פון די פּיעסען פלעגט זיך עס אומבייטען: דער מאַן דער לעמעשקע איז געוואָרען דער העלד און די ברייינדעלע־קאָזאַק איז געוואָרען די לעמעשקע, און דער טעאַטער פלעגט שטורמען פון געלעכטער. אָט דער ספּעציפישער לאַטיינערישער חן איז קיינמאָל נישט אַלט גע־וואָרען.

ווער געדענקט נישט אין לאַטיינער'ס „יודישע האַריץ" זיגמונד מאַגולעסקאָ מיט זיין פּיסעלע? — עס טוט וועה דאָס האַרץ ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אַלעס וואָס עס געהט אַוועק פון יודישען טעאַ־טער קומט נישט צוריק.

יאָזעף לאַטיינער האָט אָנגעהויבען שרייבען אין איין יאָהר מיט אַברהם גאָלדפאַדען. ער האָט אפילו געשריבען אַ פּיעסע אויף דער זעלבער טעמע פון גאָלדפאַדען'ס „שולמית". די פּיעסע האָט געהייסן „די טאָכטער פון ירושלים". אויך האָט ער געשרי־בען אַ פּיעסע אויף דער טעמע פון די „צוויי קוני־לעמלס" בעפאַר גאָלדפאַדען, און ער האָט די פּיעסע גערופען „שמואל שמעלקעס".

יאָ, צוויי שרייבער אין איין צייט — אברהם גאָלדפאַדען און יאָזעף לאַטיינער. דער ערשטער איז געקומען צום יודישען טעאַטער אַ געענדיגטער פון דער ראַביבער שולע און דער צווייטער איז גע־קומען צום יודישען טעאַטער אַלס העברעאישער און דייטשישער לעהרער. ביידע האָבען זיך אָנגעשלאָגען אין דיזעלבע טהעמעס, די ערשטע, „שולמית", ער־געץ אין אַ גמרא, אַ קליין מעשה'לע פון שולמית; די צווייטע — אַ ווערקעל פון עלט יודישען לעבען. די „צוויי קוני־לעמלס". פון אַזעלכע ספרים און פון אַזעלכע קוועלען זענען געוואַקסען אַמאָליגע שרייבער בעגייסטערט פאַר דעם יודישען טעאַטער, און איצט...

איצט קומט די בעגייסטערונג פון אַ פילם.

יאָזעף לאַטיינער! דיין טאַלאַנט וואָלט נישט גע־ווען אַזוי שווער, ווען ער לעבט אַצינד. איבער אימיצען וועלכער זאָל מיט אַזוי פיל ליבע, מיט אַזוי פיל כשרות'ער בעצימות'דיגקייט, מיט אַזאַ גאַנץ האַרץ שאַ־פען פאַר דער צוקונפט פון יודישען טעאַטער.

יאָזעף לאַטיינער! אברהם גאָלדפאַדען, יעקב גאָרדין, פּראָפעסאָר הורוויץ, און קלײנער האָט נאָך זייער פּלאַץ נישט פאַרנומען.

# 400,000 פונט בעטרעפט דער בודזשעט
## פון דער תל־אביב'ער שטאָט־פערוואַל־טונג אויפ'ן יאָהר 1935/36

תל־אביב. אויף דער לעצטער זיצונג פון דעם תל־אביב'ער שטאָט־ראַט האָבען זיך אָנגעהויבען די פערהאַנדלונגען איבער דעם בודזשעט פון דער שטאָט־פערוואַלטונג אויפ'ן קומענדיגען בו־דזשעט־יאָהר 1935/36. דער בודזשעט־פּראָעקט זעהט פאָר אויס די הוצאות פון דער תל־אביב'ער שטאָט־פערוואַלטונג אין דעם געקומענעם יאָהר אין אַ סכום פון 398,000 פונט און די הכנסות אין אַ סומע פון 401,000 פונט. אין דעם פאַרגאַנגען בודזשעט־יאָהר האָבען די הוצאות פון תל־אביב בעטראָפען 324,000 פונט.

ס'איז ביי דער געלעגענהייט בעמערקט געוואָרען, אַז דער בודזשעט פון תל־אביב בעטרעפט אַזוי פיל וויפיל די בודזשעטען פון אַלע אַנדערע שטעט פון ארץ־ישראל צוזאַמענגענומען. עס איז אויך אויסגערעכנט געוואָרען די איינגעהייענדע בע־טייליגונג פון דער ארץ־ישראל'דיגער רעגירונג אין דעקען דעם בודזשעט פון תל־אביב, און דער צייט ווען אין דעם בודזשעט פון אַלע אַנדערע שטאָט־ראַטען בעטייליגט זיך די רעגירונג אין אַ פיל גרעסערער מאָס. דער גרעסטער טייל פון די הכ־נסות פון תל־אביב פליסט אַריין פון די דירעקטע שטייערען פון די איינוואוינער. (פּאַלקאָר)

קינאָ־טעאַטער
„MIRAŻ"
11 ליסטאָפּאַד 16 (קאָנסטאַנט.)
היינט און פאָלגענדע טעג!
די ליבלינגען פון ג. פּובליקום
Flip i Flap
אין דער פרעהליכער קאָמעדיע א. ג.
צו וואָס אַרבייטען!
ווי אויך
אַ מיטאָג 8 אַ זייגער
אין די הויפּט־ראָלען:
Marja Dressler,
Ljonel Barrymore,
Wallace Beery
i Jean Harlow.
פּרייזען פון די פּלעצער: III פּל. 54 גר.
II פּל. 85 גר., I פּל. 1.09 ז.
באַלקאָן 75 גר.
דער זאַל איז גוט בעהייצט.

# 16 יאהר יודישע עליה קיין ארץ-ישראל

## קרוב צו 200,000 לעגאלע יודישע עולים אין משך פון די יאהרען נאך דער וועלט-מלחמה. — די דריי תקופות אין דער עליה. — דאס רעקארד-יאהר אין דער עליה איז געווען דאס יאהר 1934, ווען ס'זענען געקומען כמעט אזויפיל יודען וויפיל אין פריהערדיגע 6 יאהר. —דעם ערשטען ארט צווישען די אפשטאמונגס-לענדער פון די עולים פארנעמט פוילען מיט העכער 77.000.

ירושלים. דער לייטער פון דער סטאטיסטישער אפטיילונג פון דער יודישער אגענץ אין ירושלים, הר' ד. גורעוויטש, האט פארפערטיגט א גרעסערע סטאטיסטישע ארבייט איבער דער יודישער עליה קיין ארץ־ישראל אין משך פון די 16 יאהר נאך דער וועלט־מלחמה, פון יאהר 1919 ביז צום סוף פון יאהר 1934.

אין משך פון די 16 יאהר, זינט עס האט זיך אנגעהויבען די יודישע עליה פון נאך דער מלחמה, זענען קיין ארץ־ישראל געקומען 198,035 יודישע עולים. די 16 יאהר פון נאך דער מלחמה ווערען דורך דעם מחבר פארטיילט אין 3 תקופות: די ערשטע תקופה נעהמט ארום די 6 יאהר פון 1919 ביזן סוף פון יאהר 1924, די צווייטע תקופה — 5 יאהר פון 1925 ביז'ן סוף פון יאהר 1929; די דריטע און לעצטע תקופה — די 5 יאהר פון 1930 ביזן סוף פון יאהר 1934.

אין משך פון דער ערשטער תקופה ,ד. ה. דורך די 6 יאהר פון 1919 ביז סוף 1924, זענען געקומען קיין ארץ־ישראל 48,075 יודען; אין משך פון דער צווייטער תקופה, און די 5 יאהר פון 1925 ביז סוף 1929 — 58,702 עולים; און אין דער דריטער תקופה, פון 1930 ביז סוף 1934 — 91,258 עולים.

אויף אזא אופן זעהט מען אז אין משך פון דער ערשטער תקופה פון 6 יאהר געקומען 24,2 פראצ. פון דער אלגעמיינער צאהל עולים, וואס זענען אריין קיין ארץ־ישראל אין די 16 יאהר פון נאך דער מלחמה; אין דער צווייטער תקופה פון 5 יאהר — 29,7 פראצ.; און אין דער דריטער און לעצטער תקופה פון 5 יאהר — 46,1 פון דער אלגעמיינער צאהל יודישע עולים נאך דער מלחמה.

דאס יאהר פון דער גרעסטער ביזאיצטיגער יודישער עליה קיין ארץ־ישראל איז געווען דאס לעצטע יאהר 1934 מיט 42,359 עולים. עס איז אינטערעסאנט, אז בלויז אין משך פון יאהר 1934 זענען געקומען קיין ארץ־ישראל כמעט אזויפיל עולים, וויפיל אין משך פון דער גאנצער תקופה פון 6 יאהר, פון 1919 ביז סוף 1924.

די דאזיגע אלע ציפערען נעהמען ארום בלויז די לעגאלע יודישע עולים און נאר די טוריסטען, וואס האבען בעקומען פון דער רעגירונג די ערלויבעניש לעגאל צו פארבלייבען אין לאנד. די צאהל פון אזעלכע טוריסטען האט אין משך פון די 16 יאהר דערגרייכט 18,070.

לויט די לענדער, פון וועלכע די יודישע עולים זענען געקומען אין משך פון די 16 יאהר קיין ארץ־ישראל, געהט אויפ'ן ערשטען ארט פוילען מיט 77,425 עולים, אדער 43,76 פראצ. פון דער גאנצער עליה; אויפ'ן צווייטען ארט געהט רוסלאנד מיט 29,026 עולים, אדער 16,41; אויפ'ן דריטען ארט — דייטשלאנד מיט 15,209 עולים, אדער 6,.; פראצ. אויפ'ן פערטען ארט — רומעניע מיט 6,045 עולים, אדער 3,42 פראצ.; אויפ'ן פינפטען ארט — ליטע מיט 6,003 עולים, אדער 3,39 פראצ.; אויפ'ן זעקסטען ארט — די פעראייניגטע שטאטען פון צפון־אמעריקא מיט 4,363 עולים, אדער 2,47 פראצ. וו.א.וו.

די פולע אבהאנדלונג פון הי' גורעוויטש איבער דער ארץ־ישראל'דיגער עליה אין משך פון די לעצטע 16 יאהר וועט ערשיינען אין דעם זאמעל־העפט „העליה", וואס וועט ארויסגעגעבן ווערען אינגיכען דורך דער עליה־אבטיילונג פון דער יודישער אגענץ אין ירושלים. (פאלקאר)

# שווערער מאנגעל אין ארבייטער אין די קאלאניעס פון שרון

## אלע נייע חלוציש עולים ווערען אין לויפענדען חודש געשיקט קיין שרון

ירושלים. פון די יודישע קאלאניעס אין שרון קומען אן די לעצטע טעג זעהר בעאומרוהי־גענדע ידיעות וועגען דעם שווערען מאנגעל אין יודישע ארבייטער, וואס האט הערפיהרט דערצו, אז אין אייניגע פון די קאלאניעס, ווי אין רעננה און הרצליה, אין מען נישט אימשטאנד פארטצוזעצען דעם „קטיף" צוליב דעם פעהלען פון ארבייטס־הענד.

אין צוזאמענהאנג מיט דער דאזיגער שווערער לאגע אין שרון, איז פארגעקומען א ספעציעלע זיצונג פון דער ליטונג פון דער „הסתדרות" מיט דער בעטייליגונג פון די פארשטעהער פון די קיבוצים. עס איז בעשלאסען געווארען צו שיקען אלע נייע עולים, וואס וועלען קומען קיין ארץ־ישראל אין משך פון דעם לויפענדען חודש, אין די קאלאניעס פון שרון. עס וועלען אויך מאבילזירט ווערען גרופעס ארבייטער פון די בעזונדערע קיבוצים מיט'ן צוועק צו ליבערירען דעם דרינגענדען ארבייטער־מאנגעל אין שרון. (פאלקאר)

# אפגעשטעלט די ארבייט אין אלע ווארשטאטען און ביי אלע בנינים אין הרצליה

## און מאבילזירט אלע ארבייטער פאר דער ארבייט אין די פרדסים

### אויסערארדענטליכע מיטלען מיט'ן צוועק צו לינדערען באטש טיילווייז דעם שווערען מאנגעל אין ארבייטס-הענד, וואס דראהט מיט שווערע פערלוסטען די פרדסים

ירושלים. ווי עס איז שוין געמעלדען געווארען דורך „פאלקאר" טעלעגראפיש, איז אין דער קאלאניע הרצליה ערקלערט געווארען אויף א וואך צייט א הפסקה אין אלע ארבייטען חוץ די לאנדווירטשאפטליכע, און אלע ארבייטער פון דער קאלאניע זענען מאבילזירט געווארען צו דער ארבייט אין די פרדסים. דער דאזיגער בעשלוס איז אנגענומען געווארען צוליב דעם דריקענדען מאנגעל אין יודישע ארבייטס־הענד, וואס הערשט אין הרצליה און וואס האט געדראהט צו ברענגען גרויסע היזקות אין די פרדסים. אין משך פון דער וואך צייט וועט איבערגעריסען די ארבייט אין אלע האנד־ווערקער־ווארשטאטען, די גאנצע בוי־בעוועגונג און אלע ארבייטען, וואס האבען נישט קיין דירעקטע שייכות מיט דער לאנדווירטשאפט.

עס איז כדאי צו בעטאנען, אז שוין אפילו נאכ'ן מאבילזירען אלע פערהאנענע ארבייטס־כוחות פאר דער לאנדווירטשאפטליכע ארבייט, וועט דער בעדארף אין דער קאלאניע אין ארבייטס־הענד געדעקט ווערען קוים אויף א העלפט. (פאלקאר)

# „פריינד פון דעם פעלקער-בונד"

## די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט אין תל-אביב

ירושלים. אין תל־אביב איז פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער ארץ־ישראל'דיגער געזעלשאפט פון „פריינד פון דעם פעלקער־בונד", דער פארזיצענדער פון דער געזעלשאפט, דער תל־אביב'ער שטאט־פרעזידענט ה' מאיר דיזענהאף, וועלכער האט צוליב זיין געזונד צושטאנד נישט געקאנט זיך בעטייליגען אין דער פערזאמלונג, האט צוגעשיקט זיין ברעגרוסונגס־רעדע שריפטליך. אין זיין רעדע שטרייכט אונטער ה' דיזענהאף, אז אויב די יודען פון דער גאנצער וועלט זענען פריינד פון דעם פעלקער־בונד, זענען די ארץ־ישראל'דיגע יודען מעהר ווי פריינד, „זיי זענען די קינדער פון דעם פעלקער־בונד". ער פאדערט אויף דעם ארץ־ישראל'דיגען ישוב צו פערשטארקען די געזעלשאפט פון די „פריינד פון דעם פעלקער־בונד", וועלכער איז איצט די איינציגע אינטערנאציאנאלע טריבונע פון רעכט, גערעכטיגקייט און גלייכהייט. נאכ'ן דורכלייענען דעם בריף פון דיזענהאף, איז געהאלטען געווארען דורך ד"ר ב. פיינבערג א רעפעראט איבער „צעהן יאהר טעטיגקייט פון די יודישע ארגאניזאציעס פון פריינד פון דעם פעלקער־בונד" און א רעפעראט פון ד"ר ב. מאסינזאן וועגען „די וויכטיגקייט פון איבערפאליטישער ארבייט אויפ'ן אינטערנאציאנאלען פארום". אין די ביידע רעפעראטען זענען אנגעמערקט געווארען די אויפגאבען פון די געזעלשאפטען פון „פריינד פון דעם פעלקער־בונד" און די בעזונדערע בעדייטונג, וואס עס האט די בעטייליגונג פון די יודען אין די דאזיגע געזעלשאפטען.

נאך די רעפעראטען איז אויסגעוועהלט געווארען דער נייער צענטראל־קאמיטעט פון דעם ארץ־ישראל'דיגען פערבאנד פון די „פריינד פון דעם פעלקער־בונד". אלס פארזיצענדער פון דעם קאמיטעט איז פון דאס ניי געוועהלט געווארען ה' מאיר דיזענהאף. (פאלקאר)

# העברעאישע אוניווערזיטעט אין ירושלים

## פייערט דעם צעהנטען יאהר-טאג פון איהר עקזיסטעניץ

### פייערונגען אין ירושלים און אין די גלות-לענדער

ירושלים. דעם צעהנטען אפריל (ז' ניסן) ה. י. פייערט די העברעאישע אוניווערזיטעט אין ירושלים דעם צעהנטען יאהר־טאג זינט איהר ערעפנונג, וועלכע איז פארגעקומען דעם ערשטען אפריל 1925 אין דער אנוועזענהייט פון דעם פערשטארבענעם לארד באלפור. ביי יודער פייערונג, וועלכע וועט לכבוד דעם דאזיגען יום־טוב פארקומען אויפ'ן הר־הצופים, וועלען געהאלטען ווערען רעדעס דורכ'ן קאנצלער פון דער אוניווערזיטעט ד"ר י. ל. מאגנעס און דורך אייניגע אנדערע פיהרענדע יודישע פערזענליכקייטען. די רעדע פון ד"ר מאגנעס וועט איבערגעגעבן ווערען דורכ'ן ראדיא קיין אמעריקא.

לכבוד דעם צעהנטען יאהר־טאג פון דער אוניווערזיטעט ווערען צוגעגרייט גרויסע פייערליכקייטען אויך אין א ריי'ע לענדער פון גלות. די עקזיסטירענדע און נייגעגרינדעטע קאמיטעטען פון „פריינד פון דער העברעאישער אוניווערזיטעט אין ירושלים" אין די פערשידענע לענדער וועלען אויסנוצען דעם טאג פאר א ברייטער ווערבונגס־אקציע פון ניי'ע מיטגלידער. (פאלקאר)

# הרב רבי מנחם מענדיל חיים לאנדא זצ"ל

דעם פארגאנגענעם דינסטאג איז נפטר געווארען אין אטוואצק אין עלטער פון 73 יאהר איינער פון די חשובסטע רבנים אין אונזער דור, רבי מנחם מענדיל חיים לאנדוי, וועלכער איז געווען פאפולער אונטערן נאמען „דער זאווערצער רב", און איז מיטוואך אין ווארשא צו קבורה געקומען.

דער נפטר האט געשטאמט פון גרויסע יחוס. ער איז געווען א זוהן פון'ם גאון און צדיק, דעם אמאליגען באשעלסקער רב, ר' יעקב לאנדוי, וואס איז געווען א זוהן פון'ם אמאליגען בערימטען טשעכאנאווער רבי'ן ר' אברהם לאנדוי ז"ל, און אליין האט ער אויך געשמ'ט פאר א גאון און א חכם, און „בן עולם" האט ער אויך געהאט, וואס זענען צו איהם „געפאהרען".

רבי מענדיל לאנדוי זצ"ל, וואס איז געווען א רב אין פשעראוו, פיאנטקע, באוודזאוו און זאווערצע, איז מגדל געווארען ביז צו זיין דרייצעהנטען יאהר ביי זיין דערמאנטען גרויסען זיידען, און ער האט געהאט אויף איהם אן השפעה. אין יאהר תרנ"ז האט ער זיך שטארק קונה־שם געווען דערמיט, וואס ער האט ארויסגעגעבן א גרויס פלפול־ספר פון זיין דערמאנטען זיידען א. נ. „אהבת חסד", וועלכעס ער האט פערשטענדליך געמאכט, בעת דער מחבר האט עס נישט געשריבען צום פערעפענטליכען, אזוי אז ביי פיל שטעלען האט ער, רבי מענדיל, צוגעגעבן עטליכע ווערטער, כדי דער לעזער, זאל זיי פערשטעהן. דער אמאליגער בערימטער סאכאטשאווער רבי ר' אברהם ז"ל דריקט איהם אויס אין זיין הסכמה א דאנק דערפאר, וואס ער האט ארויסגעגעבן און ערקלעהרט די אמת'דיגע תורות פון זיין גרויסען זיידען, צו דעם ספר האט אויך ער, רבי מענדיל, צוגעגעבן זיינס אנאייגענעם גאוניש ספר א. נ. „פסרת זקנים".

דער נפטר איז אבער נישט געווען בלויז פערשלאסען אין די „ד' אמות של הלכה", נאר האט זיך אויך אנגעאייגענט וועלטליכע, למודים געלייענט אמאל אן השכלה ספר אויך, איז געווען א שטארקער בעל לשון קודש, און האט זיך שטארק בעטייליגט אין געזעלשאפטליכע אנגעלעגנהייטען. אמאל האט ער געשריבען אין „הצפירה" וועגען ישוב ארץ ישראל, און יאהר תרס"ג, דעמאלט ווען ס'איז פארגעקומען אין קראקא א היסטארישע רבנים צוזאמענפאהר האט דער נפטר ביי דער זעלביגער געשפילט א גרויסע ראלע, האט געהאלטען אינטערעסאנטע רעפעראטען וועגען פערבעסערען דעם חנוך פון יונגלעך אין מיידלעך בכל תפוצות ישראל, ווי ס'איז צו זעהן פון'ם ספר „מקיץ נרדמים", אין וועלכען זייבע רעדעס און בריף זענען דעמאלט פערעפענטליכט געווארען.

נאך דער פטירה פון'ם גרויסען לאדזער רב אליהו חיים מייזעל ז"ל, בעת די לאדזער קהלה האט געזוכט א פאסענדע פערזענליכקייט אויף זיין כסא־רבנות, זענען געווען פיל שטימען פאר דעם דערמאנטען זאווערצער רב.

אבער באלד'עס איז ער געווען 15 יאהר רב אין זאווערצע, האט מען איהם אנגעבאטען א כסא־רבנות אין א בעדייטענדע שטאט (דעטראיט) אין אמעריקא, וואס ער האט אנגענומען. א הייזע פון יאהרען האט ער דארט פערבראכט און האט געהאט אויף זיין סביבה א גרויסע השפעה. דאך אייביג בלייבען דארט, האט ער נישט געוואלט. פאר 5 יאהר איז ער צוריקגעקומען פון אמעריקא און האט זיך בעזעצט אין אונזער שטאט. כאטש מ'האט איהם ווייטער געהאלטען פאר א רבנישע אויטאריטעט, איז ער דאך צוליב זיין לאנגע אבוועזענהייט, געווארען א ביסעל אבגעזונדערט פון פויליש רבנישע קרייזען, צוליב'ן געזונד־צושטאנד האט ער זיך געצויגען קיין אטוואצק, וואו ער איז נפטר געווארען. מיט גרויס כבוד האט מען איהם געפיהרט קיין ווארשא און צו קבורה געבראכט אין'ם „אוהל" פון זיין גרויסען פאטער, וועלכער איז אין יאהר תרנ"ד זייענדיג קראנק געפאהרען קיין ווארשא, כדי צו זוכען א רפואה, און איז דארט נפטר געווארען אין עלטער פון 60 יאהר.

דער נפטר פון גרויסען נפטר איבערגעבליבען פיל מאנוסקריפטען איבער ענינים פון הלכה און אגדה. תנצב"ה

פ. ז. גליקסמאן

# ראדיא-ווינקעל

## דער עלעקטרישער פארלאמענט

די עלעקטראפיצירונג פון דער וועלט נעמט ארום וואס אמאל אלץ ברייטערע קרייזען און געביטען.

דער שטאט מיסורי קאן זיך ריהמען דערמיט, וואס אין זיין פארלאמענט קומט פאר די אפשטימונג נישט מיט דער הילף פון אפגעבען צעטעלעך אדער אריינגעהן דורך בעשטימטע טירען, נאר מיט דער הילף פון עלעקטריע.

יעדער פון די דעפוטאטען האט אויף זיין שטענדער דריי קלאווירען: א ווייסען רויטען און בלויען. אין פאל ווען דער דעפוטאט גיט א קוועטש דעם ווייסען קלאוויש צינדט זיך אן אויפ'ן פרעזידיום־טיש א לעמפעל, וואס איז א סימן, אז דער דעפוטאט האלט זיך אפ פון שטימען. דער רויטער קלאוויש בעדייט „פאר" און דער בלויער — „נעגען" דעם פארשלאג.

די געביידע פון פארלאמענט איז פערזעהן מיט א ראדיא־איינריכטונג, וואס מאכט מעגליך צו טראנסמיטירען די רעדעס פון די דעפוטאטען.

## סודות פון מוזיק

### וואס בעדייט די מוזיק-טערמינאלאגיע?

פאר פיל, פיל ראדיא־הערער, איז גאנץ אונפערשטענדליך דער אופן, ווי אזוי דער ספיקער זאגט אן א מוזיקאליש ווערק.

פאר די אלע ראדיא־הערער, וואס האבען א קנאפען שייכות מיט מוזיק, מאכט, למשל, דאס אנזאגען פון ספיקער „אדור", „פיס־מאל" א. ד. גל. אנ־אונהיימליכען איינדרוק און פיל מענשען ווערען אפילו דענערווירט, ווען מען דולד זיי דעם קאפ אהן אויפהער מיט די דאזיגע רעטזעלהאפטע ווערטער.

עס ווייזט זיך אבער ארויס, אז פון מוזיקאלישען שטאנדפונקט איז דאס א נויטווענדיגקייט, ווייל פיל מוזיקאלישע ווערק וואלט מען גארנישט געקאנט אנרופען ביים נאמען, ווען נישט אט די געהיימניספולע צייכענס. פערשטעהט זיך, אז נישט יעדעס מוזיקאליש ווערק נויטיגט זיך מען זאל עס דארפען אנרופען מיט'ן מוזיקאלישען צייכען. עס איז גענוג מען זאל אומיצען זאגען די ניינטע סימפאניע פון בעטהאווען אדער די זעקסטע פון טשייקאווסקי און מען ווייס שוין גענוי וועגען וואס עס האנדעלט זיך. דאס זעלבע איז אויך ווען מען זאגט: „די אובערטורע צו פאוסט". אין דעם פאל ווייסט מען, אז עס האנדעלט זיך וועגען א בעשטימט מוזיקאליש ווערק.

וואס טוט מען אבער, ווען שאפען האט, למשל, אנגעשריבען 27 עטיודען 35 פרעלודיעס, 19 נאקטורנען און 50 מאזורקעס?

דאס זעלבע איז אויך מיט די געניאלע קאמפאזיטארען מאצארט און בעטהאווען. דער ערשטער האט אנגעשריבען 17 און דער צווייטער אזש 33 סאנאטען. אויף דעם ארט ענטשטעהט א פראגע: פארוואס בעצייכענט מען נישט די ווערק פונם קאמפאזיטאר מיט'ן לויף־נומער?

דאס איז אונמעגליך דערפאר, ווייל די ווערק פון די מוזיקער בעווייזען זיך געוועהנליך אין פערשידענע אויפלאגעס, און אין יעדער אויפלאגע בעקומט די זעלבע שאפונג אנ'אנדערען נומער. אזוי ארום ווייזט זיך ארויס, איז צום פראקטישסטען צו בעצייכענען יעדע שאפונג פונם קינסטלער לויט דער טאנאציע, אין וועלכער דאס בעטרעפענדע ווערק איז אנגעשריבען געווארען. ווען מיר זאגען, למשל, נאקטורען „דעס־דור" פון שאפען, ווייסען מיר גענוי וועגען וועלכען נאקטורען עס האנדעלט זיך, ווייל שאפען האט אנגעשריבען איין נאקטורען אין דער טאנאציע „דעס־דור".

פערשטעהט זיך, אז דער געוועהנליכער בשר־ודם, ווייסט ווייטער נישט, וואס עס איז אזעלכעס „טאנאציע דעס־דור". א גענויען ענטפער דערויף וואלט מען געקענט געפינען אין יעדען לעהר־בוך פון מוזיק, וואו עס ווערט אויפגעקלערט די בעדייטונג פון די „מאזשאר־גאמעס" (דור) און „מינאר־גאמעס" (מאל). היות די גרונד־טענער ווערען בעצייכענט מיט די אותיות פון אלף־בית: צע, דע, ע, עף, גע, א, הא, ווערט יעדער טאן אין פאל, ווען מען העכערט איהם אויף א האלבען טאן — בעצייכענט מיטן קלאנג „ס" אזוי קומט אויס, ווען מיר העכערן דעם טאן „צע" אויף א האלבען טאן, זאגען מיר דעמאלס „ציס". דער טאן „דע" ווערט פערוואנדלעט אויף „דיס" א. אז. וו.

איצט זעהען מיר, אז די דאזיגע אזוי געהיימניספולע אויסדרוקען, וואס האבען אויף פיל ראדיא־הערער אנגעווארפען אזא שרעק מיט דער „פאכמענישקייט" פון די דאזיגע „ציס־מאל", „געס־דור" און אנדערע צייכענס, זענען נישט מעהר ווי גאנץ פשוט'ע בעצייכנונגען פון יעדער מוזיקאלישער שאפונג.

דער מנהג פון אנרופען דאס מוזיקאלישע ווערק לויט זיין טאנאציע, איז אנגענומען געווארען אויף דער גאנצער וועלט, און עס דארף דעריבער נישט וואונדערן דעם נישט־מוזיקאליש אויסגעבילדעטען ראדיא־הערער.


## אויספלוגען קיין פאלעסטינע פון 630.— זל. אן

אָרגאניזירט: „ארביס" פיעטריקאווער 18, טעל. 49-33, 20-20 ,65

## DR. MED. H. LUBICZ

פאר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראנקהייטן.
צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 141-32
עמפפאנגס-שעהן 8—10, 12—2 און 5—8 וועכנטאג און יום-טוב פון 9—11. פאר דאמען באזונדער ווארטע-זאל.

נייער פאָלקסבלאַט

# דאס לאָדזער לעבען

נייער פאָלקסבלאַט



דאָנערשטאָג
טז
21
אדר ב׳ תרצה

מעריב
זון-אויפגאַנג 4.38
זון-אונטערגאַנג 5.50


# מיניסטעריאַלע קאָמיסיע לוסטרירט די לאָדזער „אובעזפּיעטשאַלניע"

## בראש פון דער קאָמיסיע שטעהט וויצע-מיניסטער יאַסטושעמבסקי

(א) נעכטען איז קיין לאָדז געקומען א מיניסטעריאַלע קאָמיסיע אויסצופאָרשען די ווירטשאַפט אין דער לאָדזער אובעזפּיעטשאַלניע.

בראש פון דער קאָמיסיע שטעהט דער וויצע מיניסטער פון געזעלשאַפטליכער שוץ ה׳ יאַסטושעמבסקי.

נאָכן קומען קיין לאָדז איז פאָרגעקומען א קורצע בעראַטונג מיטן דירעקטאָר פון דער „אובעזפּיעטשאַלניע" כומבאַקאָוו. דאַן האָט זיך אָנגעהויבען די לוסטראַציע אויף וואָלטשאַנסקא 225 ס׳איז לוסטרירט געוואָרען גאַנץ גענוי יעדע אָפּטיילונג בעזונדער, דאַן איז די קאָמיסיע אַוועק אין דער לעטשניצע אויף לאַגעווניצקא 34, וואו ס׳זענען לוסטרירט געוואָרען די דאָקטוירים-פּונקטען, דאַן איז לוסטרירט געוואָרען דאָס שפּיטאָל אויף זאַגאַיניקאָווא גאַס.

די דאָזיגע לוסטראַציע פון דער מיניסטעריאַלער קאָמיסיע ווייזט אָן דערויף, אז מיר שטעהן ערב א גרויסע רעאָרגאַניזאַציע פון ביזאיצטיגען הייל-סיסטעם, דורך איינפיהרען די הויז-דאָקטוירים.

# די שרעקליכע שרפה אויף ווספּולנא 9

## 11 פאַמיליעס זענען געבליבען אהן א דאַך איבערן קאָפּ

### אויספאָרשונגס-קאָמיסיע אויפ׳ן אָרט פון דער שרפה

(א) די גרויסע שרפה אין דעם וואוין-הויז אויף ווספּולנע 9, האָט פערניכטעט דעם גאַנצען דריטען שטאָק, צוליב וואָס ס׳איז געבליבען אָהן א דאַך איבערן קאָפּ 12 פאַמיליעס, וועלכע האָבען פערלוירען זייער מעבעל און מלבושים.

נעכטען איז אויפ׳ן אָרט פון דער שרפה געקומען אַן אויספאָרשונגס-קאָמיסיע פון פאָרשטעהער פון דער פּאָליציי, אדמיניסטראַטיווע מאַכט בוי-אינספּעקציע און פייערלעשער.

גלייכצייטיג איז אויך געקומען א קאָמיסיע פון דער אָפּטיילונג פאַר געזעלשאַפטליכער הילף ביי דער שטאָט-פערוואַלטונג. די נשרפים וועלען בעקומען הילף פון מאַגיסטראַט אויף דינגען זיך וואוינונגען און צו קויפען די נויטיגע זאַכען. עטליכע פאַמיליעס וועלען בעקומען וואוינונגען אין די שטאָטישע הייזער.

* * *

בעת דער שרפה האָבען אויך חוצפה׳דיגע גנבים געפּרובט אויסנוצען די פּאַניק און אויספיהרען גנבות. ביי אזא גנבה האָט מען געכאַפּט דעם לאַנגיעהריגען גנב יוזעף וויטשינסקי וועלכער איז אַרעסטירט געוואָרען.

# אָפּקלאַנגען פון דער טראַגעדיע אויף שרודמיעסקא 16

## וואו מ׳האָט געפינען די טויטע קערפּערס פון א פּאָרפּאָלק

(א) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט, האָט מען אין דער וואוינונג פון סוחר לאַנדוי, שרודמיעסקא 16 געפונען די טויטע קערפּערס פון 2 פּערזאָן.

ווי ס׳האָט זיך בעת דער אויספאָרשונג ארויסגעשטעלט זענען דאָס געווען דער 18-יעהריגע זיגמונט וואַנס פון זאַוואַדזקא 15 און זיין כלה די 16-יעהריגע זאָפיא קאָוואַלסקא פון לאַגעווניצקא 33.

ווי ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרען איז צווישען וואַנס׳ן און קאָוואַלסקא פאָרגעקומען א ליבע און זענען געווען אין אינטימע בעציהונגען, אזוי, אז דאָס 16-יעהריגע מעדעל איז געוואָרען מעוברת. צוליב דעם, וואָס דעם מיידעלס עלטערן האָבען נישט געוואָלט איינגעהן אויף דעם שידוך מיט וואַנס׳ן, האָבען זיי זיך ביידע אריינבעקומען אין לאַנדוי׳ס וואוינונג, וועלכע איז געווען לעדיג, האָבען דאָרט אויפגעדרעהט דעם גאַז און זענען פער׳סמ׳ט געוואָרען.

# געוואַלדיגער קראַך אויף דער ניו-יאָרקער באַנוועל-בערזע

## זייט 1929 נישט געווען אזא „בעסע"

(אנ) די מאָסנבענדע באַנוועל ספּערען אין ניו-יאָרק האָלטען דאָס פאַלען פון די פּרייזען אויף רויהען באַנוועל פון דער לעצטער וואָך, אלס דעם גרעסטען קראַך אויף די באַנוועל מערק זייט 1929 ד.ה. זייט דעם בעקאַנטען צוזאַמענבראָך אויף „וואָלסטריט". עס איז דעריעער נישט קיין וואונדער, וואָס אויף דער ניו-יאָרקער בערזע האָט אין דער פערגאַנגענער וואָך געהערשט א געוואַלדיגע פּאַניק. איינע פון די הויפּט סבות פון דער פּאַניק איז געווען די ריזיגע צאָהל געשלאָסענע טראַנזאַקציעס, די אזוי גערופענע „סטאָפּלאָס-אָרדערס", דאָס זענען בערזע אָפּעראַציעס, מיטן ציעל צו האַמעווען די פערלוסטען, וואָס ענטשטעהען פון א געגענגעזעצטע פּרייז טענדענץ. די קאָמבינאַציע בעשטעהט אין פאָלגענדען: א באַנוועל שפּעקולאַנט, וואָס שפּילט אויף דער „האָסע", ווען עס ענטשטעהט א „בעסע" וואַרפט ער זיך מאָמענטאַל איבער אויף דער „בעסע" און פערקויפט דעם באַנוועל צום געהעריגען ביליגען קורס, בכדי אין א פּאָר טאָג שפּעטער צוריקצוקויפען דעם באַנוועל צו בעדייטענד ביליגערע פּרייזען, צוליב דעם וואָס די „בעסע" גערויערט ווייטער.

אין דער פערגאַנגענער וואָך האָט מען אויף די ניו-יאָרקער בערזע געשלאָסען אָהן א צאָהל עהנליכע טראַנזאַקציעס און די אומזאַצען זענען געווען ריזיגע.

די סבות וואָס האָבען ארויסגערופען דעם איצטיגען קראַך אויפן באַנוועל מאַרק זענען שוין פעסטגעשטעלט געוואָרען, דאָס זענען קודם כל דער וואוקס פון דער פּראָדוקציע פון דעם עקזאָטישען באַנוועל, דער צוזאַמענבראָך פון אַמעריקאַנישען באַנוועל עקספּאָרט, די שטאַרקע קאָנקורענץ פון רוסישען באַנוועל, ווי אויך די אינערליכע פּאָליטיק פון פּרעזידענט רוזוועלט.

נישט קוקענדיג אויף דעם געוואַלדיגען קראַך אויף דער ניו-יאָרקער בערזע, איז די שטימונג אויף די אנדערע אויסלענדישע בערזעס נישט געווען קיין פּעסימיסטישע, להיפוך אלע באַנוועל קרייזען האָבען אָנגעוויזען, אז די „בעסע" איז נאָר א פאָראיבערגעהענדע ערשיינונג און אז די פּרייזען מוזען צוריק שטייגען.

# הויזווירט פערקלאַפּט דעם לאָקאַטאָר די טיר מיט ברעטער

## אונערהערטער סקאַנדאַל אויף פּאַרזשעטשנע גאַס

מ׳טיילט אונז מיט וועגען אַן אומדערהערטען סקאַנדאַל פון א הויזווירט.

געשעהען איז עס אויף דער פּאַרזשעטשנא 9. אין דעם הויז האָט דער שניידער יוסף לייכטער גע-דונגען א שטוב ביים לאָקאַטאָר בעריל לאַסקי. די גאַנצע צייט האָט לייכטער געצאָהלט דירה-געלד דעם לאָקאַטאָר. דער ווירט, יוסף כזשאַנאָוויטש איז כסדר צוגעשטאַנען צו לייכטערן, ער זאָל בעפרייען די וואוינונג, מחמת ער וויל די שטוב פערדינגען. אזוי ווי קיין עקספּמיסיע האָט דער ווירט אויף איהם נישט געקענט בעקומען, איז ער נעכטען פאַרטאָג געקומען מיט׳ן סטרוזש און פערהאַקט די טיר מיט ברעטער.

אזוי ארום האָט ער לייכטער׳ן פערשטעלט דעם ארויסגאַנג. הערענדיג פערקלאַפּען די טיר, האָט די פרוי געמאַכט א געוואַלד, ס׳איז אָבער שוין געווען צו-שפּעט. די טיר איז שוין געווען פערקלאַפּט. זיי האָבען דערום נישט געהאַט קיין אנדערע עצה, ווי ארויסצושפּרינגען דורכ׳ן פענסטער. דער אָנגעקומענער פּאָליציי-שאַראָוויניק האָט פעראָרדענט דעם סטרוזש מאָמענטאַל צוריק אראָפּצורייסען די ברעטער. דער ווירט איז צוגעצויגען געוואָרען צו געריכטליכער פעראַנטוואָרטליכקייט.

די האַנדלונג פון דעם ווירט, האָט אין דער גאַנצער געגענד ארויסגערופען גרויס פערביטערונג.

# בעסערונג אין דער מיטעלער טעקסטיל-אינדוסטריע

(א) די ידיעות פון לאַנדס-פערבאַנד פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע (מיטעל-אינדוסטריע) ווייזען אָן אויף א בעסערונג, וואָס ווייזט זיך ארויס אין דער צאָהל בעשעפטיגטע אַרבייטער צווישען דעם 4 און 9 מערץ.

פון 84 פאַבריקען אין דער מיטעלער אינדוסטריע האָבען אין דער צייט געאַרבייט 79. דורך 6 טעג אין דער וואָך זענען אין 72 פאַבריקען געווען בעשעפטיגט 9008 אַרבייטער, דורך 5 טעג אין דער וואָך 6 פאַבריקען — 668 אַרבייטער, דורך 4 טעג אין דער וואָך — 4 פאַבריקען מיט 126 אַרבייטער און דורך 3 טעג אין וואָך — 2 פאַבריקען מיט 297 אַרבייטער, צוזאַמען זענען אין 84 פאַבריקען געווען בעשעפטיגט 10.044 אַרבייטער, דאָס הייסט מיט 800 אַרבייטער מעהר ווי מיט א וואָך פריהער.

# אזקן ארויסגעשפּרונגען פון 3-טען שטאָק

## איז דערהרגעט געוואָרען אויפ׳ן אָרט

(מ) נעכטען האַלב 8 אינדערפריה איז אויף 6 שערפּיען 47 פאָרגעקומען א שרעקליכער זעלבסטמאָרד, וועלכער איז אויסגעפיהרט געוואָרען דורך דעם 66-יעהריגען שטשעפּאַן ווראָבלעווסקי פון זאַקאָנטנא 41.

ווראָבלעווסקי איז געקומען אין דערמאָנטען הויז, ארויפגעגאַנגען אויפ׳ן דריטען שטאָק, געעפענט דאָס פענסטער פון טרעפּען-הויז און ארויסגעשפּרונגען, צושמעטערנדיג זיך דעם שאַרבען, ער איז געבליבען טויט אויפ׳ן אָרט. די סיבה פון זעלבסטמאָרד איז נישט בעקאַנט. פּאָליציי פיהרט אַן אויספאָרשונג.

* * *

אויף סרעבזשינסקא 9 האָט זיך פערסמ׳ט מיט יאָדינע דער 31-יעהריגער באָלעסלאַוו קוביאַק. דער זעלבסטמערדער איז אָפּגעפיהרט געוואָרען אין ראַדאָגאָשטשער שפּיטאָל.


יודיש
מאַריאָנעטען-שפּיל
„בערל-שמערל-טעאַטער"
אָנפיהרונג: משה בראָדערזאָן
אין קאַפע „אידעאַל"
(פּיעטריקאָווער 48)
צווייטער פּראָגראַם א. נ.
נאַר נישט געזאָרגט
עס ווערען געוויזען לאַלקעס-קאַריקאַטורען פון: דער טערקישער חזן כראַל-אַכמעט-פּאַשאַ, חזן כוסה-וויצקי; אַדתאַקשאַ וועצמאַל; דער דזשעשע זשאַבאָטינסקי; בען—בען גוריאָן; ר׳ סענדערל גראָנאָן; רעגינאַ קאַנדעל-צוקער; שיינע-שיינדל מרים; יוזעף קאַהאַדלע-שמיר; מעצענאַס קאַבילען; ר׳ ליבישל מורת מוריני; ד״ר פלויש; דעפּוטאַטען-פּרעזעס ר׳ לייבעל; נח פּגרים-לנצקי; שבתאי מוהל; אַמשע-מאיר קופּיעץ און וואַוזשניעץ עקס-קאַטער; יול׳קע פּאַן-לאַהניק; שמענדריק עט שמענגריקובנע; וואַלענטי און וואָיטשעכאָוואַ; ראַצע מיט די צאַצע; בערל-שמערל-ברידער; פּיניעלע מויז.
היינט 1 פאָרשטעלונג
אָנהויב 10 אָוונט. קאָנסומציע 1 זל.
טעקסטען: משה בראָדערזאָן, י. אַבערזשאַנעק און ח. בזשאָזאָוסקי. לאַלקעס געשניצט — ש. מאַבאַק. מוזיק אראַנזשירט: דוד ביינעלמאַן.


# צוגאַב-פּאַבאָר-קאָמיסיע

(א) ד. 28 מערץ 8 אין דער פריה וועט אין לאָקאַל, פּיעטריקאָווער 165 אַמטירען די צוגאַב-פּאַבאָר-קאָמיסיע.

עס דאַרפען זיך צושטעלען די פּאַבאָראָווצעס פון יאָהר 1913 און עלטערע, וועלכע האָבען זיך צוליב וואָסערע סיבות נישט רעגולירט זייער מיליטער-דינסט, וועלכע וואוינען אויפ׳ן שטח פון 1, 4, 6, 7, 10, 12, 13. און 14 פּאָליציי-קאָמיסאַריאַטען און וועלכע האָבען בעקומען נאָמענטליכע אויפפאָדערונגען פון לאָדזער שטאָטישער סטאַראָסטווע.

# פרייגעשפּראָכען אין א פּאָליטישען פּראָצעס

